# פרדס יהודה

## פנינים מלוקטים
## מגליוני פרדס יהודה
## על מגילת אסתר
## ועניני פורים
## ודרושים
## גם סיפורים על פורים

ע"י יהודה זבולון הלוי קליטניק נ"י
מו"ל גליון השבועי פרדס יהודה
ומחבר ספר שמח זבולון ועוד

**מעודכן ומתוקן אדר תשפ"ו**

# הקדמה

**המן האט אלעס און נישט צופרידן**

וַיֹּאמֶר הָמָן אַף לֹא הֵבִיאָה אֶסְתֵּר הַמַּלְכָּה עִם הַמֶּלֶךְ אֶל הַמִּשְׁתֶּה אֲשֶׁר עָשָׂתָה כִּי אִם אוֹתִי וְגַם לְמָחָר אֲנִי קָרוּא לָהּ עִם הַמֶּלֶךְ: המן האָט געזאָגט ווי גרויס איז זיין כבוד און אויך, וַיְסַפֵּר לָהֶם הָמָן אֶת כְּבוֹד עָשְׁרוֹ וְרֹב בָּנָיו וְאֵת כָּל אֲשֶׁר גִּדְּלוֹ הַמֶּלֶךְ וְאֵת אֲשֶׁר נִשְּׂאוֹ עַל הַשָּׂרִים וְעַבְדֵי הַמֶּלֶךְ: וואלט דאך ער געדארפט זיין גליקלאך אויף וואס ער האט, אבער ניין וְכָל זֶה אֵינֶנּוּ שֹׁוֶה לִי בְּכָל עֵת אֲשֶׁר אֲנִי רֹאֶה אֶת מָרְדֳּכַי הַיְּהוּדִי יוֹשֵׁב בְּשַׁעַר הַמֶּלֶךְ: אלעס מיינט גאַרנישט יעדע מאָל וואָס איך זעה עפעס א איד מרדכי זיצן אין פאַלאַץ טויער און כָּל עַבְדֵי הַמֶּלֶךְ אֲשֶׁר בְּשַׁעַר הַמֶּלֶךְ כֹּרְעִים וּמִשְׁתַּחֲוִים לְהָמָן כִּי כֵן צִוָּה לוֹ הַמֶּלֶךְ וּמָרְדֳּכַי לֹא יִכְרַע וְלֹא יִשְׁתַּחֲוֶה: נאך צו דער צו בוקט נישט צו אים, איז אים נישט גענוג די טויזנטער וואס בוקן יא צו אים? די ענטפער קען זיין, המן האט געגלויבט אַז אַלעס אין דער וועלט ווערט געפירט בדרך הטבע, און דער מענטש איז דער וואָס קאָנטראָלירט זיין גורל, ער פילט אַז זיין גרויסער עשירות איז געקומען פון זיין שווערער אַרבעט און קלוגע האנדלונג, און זיין כבוד איז אין זיינע הענט, ער וועט שענקו מתנות פאר אלע אדער ער וועט שעדיגן דער וואס גיט אים נישט אפ כבוד, האט יעצט המן גענומען טראכטן טיפער פאַרוואָס מרדכי האָט נישט מורא פון אים! ער פאַרשטייט יעצט אז מרדכי לעבט מיט א העכערע גלויבן אז דער אויבערשטער פירט אים און האט נישט מורא פון א מענטש, און דעריבער איז אזא מענטש צופרידן ווי עס גייט אים, און אויך אז מרדכי ווייסט אז המן איז עמלק און א איד דארף שטענדיג מלחמה האלטן מיט עמלק וואס וויל אַז די אידן זאָלן זיך אָפּהאַלטן פון לערנען תורה. ווי דער נאָמען רפידים וואס מיינט רפו ידיהם מן התורה, וואָס מיינט "זייערע הענט זיינען שוואַך געוואָרן אין תורה". און אויך אֲשֶׁר קָרְךָ בַּדֶּרֶךְ, ער קילט אפ די איד פון זיין נאנט צום אויבערשטן, און בשעת אלע פעלקער זענען געווען ערשטוינט פון די ניסים ביים ים, האט עמלק געטענה'ט אז דער יידישער הצלחה איז געווען בדרך הטבע, א צופעליגע געשעעניש נישט דורכן אויבערשטן, מיט השגחה פרטית, און דאס ווערט אויסגעדריקט אין דעם ווארט "פורים". המן האט געוואָרפן גורל הִפִּיל פּוּר הוּא הַגּוֹרָל, זיין גלויבן איז אין א גורל. מרדכי איז געווען אין מלחמה מיט עמלק, און המן איז געווען אין כעס. דעריבער איז זיין שטעלונג איז אז דאס אלעס מיינט גארנישט פאר מיר. מרדכי האט געוואונען די מלחמה, און מיר האבן באקומען א פורים. די ניסים פון פורים ווערן איבערגעחזרט יעדעס יאר. פרשת זכור איז אונדזער צוגרייטונג צום מחיית עמלק און דעריבער ווען מיר באַקומען די פורים ניסים,

דאס איז א מוסר השכל פאר יעדן איד צו וויסן אז וואס מען האט איז פון אויבערשטן און מען דארף זיין צופרידן, פורים איז א יו"ט וואס מען זעהט א צופרידנקייט ביי יעדן איד אין איינעם און דאס איז ונהפוך הוא פון המן וואס האט אלעס און איז נישט געווען צופרידן וועגן איין איד וואס בוקט זיך נישט, וְכָל זֶה אֵינֶנּוּ שֹׁוֶה לִי, און עס איז אים גארנישט ווערד וואס ער האט, אז מיר וועלן דאנקען און זיין צופרידן וואס דער אויבערשטער גיט איז דאס אויך א גדר פון מחיית עמלק, און א נחת רוח פארן אויברשטן. (שמח זבולון תשפ"ו)

# פנינים לפורים ומגילת אסתר

**וואו איז מרומז די צער פון די אידן אין פסוק?**

וַיְהִי בִּימֵי אֲחַשְׁוֵרוֹשׁ הוּא אֲחַשְׁוֵרוֹשׁ הַמֹּלֵךְ מֵהֹדּוּ וְעַד כּוּשׁ שֶׁבַע וְעֶשְׂרִים וּמֵאָה מְדִינָה: (א א) פרעגן אלע ווען עס שטייט וַיְהִי בִּימֵי האט דאס א המשך מיט וואס עס שטייט ווייטער, אזוי ווי וַיְהִי בִּימֵי שְׁפֹט הַשֹּׁפְטִים א המשך אז וַיְהִי רָעָב בָּאָרֶץ (רות א א), עס איז געווען א הונגער, אבער דא וואס האט די וַיְהִי בִּימֵי צו טאן ווייל הַמֹּלֵךְ מֵהֹדּוּ וְעַד כּוּשׁ שֶׁבַע וְעֶשְׂרִים וּמֵאָה מְדִינָה? נאר די גמ' (מגילה י ע"ב) זאגט וואו עס שטייט וַיְהִי בִּימֵי מיינט דאס אז עס איז געווען א צרה, אזוי ווי (שופטים ה יא) וַיְהִי בִּימֵי שְׁפֹט הַשֹּׁפְטִים איז געווען א צרה, וַיְהִי רָעָב בָּאָרֶץ, עס שטייט ווייטער צִדְקֹת פִּרְזוֹנוֹ בְּיִשְׂרָאֵל און אויפדעם דרשענט די גמ' (פסחים דף פז ע"ב) צִדְקֹת אז דער אויבערשטער האט געטאן א צדקה מיט כלל ישראל אז פִּרְזוֹנוֹ ער האט זיי צושפרייט איבער אסאך פלעצער, ווייל אויב חלילה וועט זיך אויפשטעלן א מלך וואס וועט וועלן הרגנען די אידן אין זיין גרעניץ וועט נישט פארניכטעט ווערן כלל ישראל, און אויך וועלן זיי נישט טאן אזא זאך ווייל מען וועט זיי אנרופן א מלכות קטיעא, וואס האקט אפ זיין מלכות, אבער ביי אֲחַשְׁוֵרוֹשׁ שטייט הַמֹּלֵךְ מֵהֹדּוּ וְעַד כּוּשׁ שֶׁבַע וְעֶשְׂרִים וּמֵאָה מְדִינָה, און געוועלטיגט אויף די גאנצע וועלט און ער איז געווען א שונא ישראל, וואלט ער חלילה געקענט גוזר זיין אויף גאנץ כלל ישראל און וואלט נישט געהייסן א מלכות קטיעא, ממילא איז וַיְהִי בִּימֵי א צרה און א המשך מיט הַמֹּלֵךְ שֶׁבַע וְעֶשְׂרִים וּמֵאָה מְדִינָה. (מגילת סתרים להגאון ר' יעקב מליסא בעל חוות דעת ועוד) לפי"ז קען מען זאגן אז באמת וואלט מען געקענט פרעגן אז דער עיקר וואס מען וויל דערציילן אז אֲחַשְׁוֵרוֹשׁ האט געמאכט א סעודה צו ווייזן בְּהַרְאֹתוֹ אֶת עֹשֶׁר כְּבוֹד מַלְכוּתוֹ אויב אזוי פארוואס דארף מען וויסן אז הַמֹּלֵךְ שֶׁבַע וְעֶשְׂרִים וּמֵאָה מְדִינָה? נאר די מגילה וויל דאס גלייך אין אנפאנג דערמאנען אז עס איז געווען נסים יעדן טאג אז אֲחַשְׁוֵרוֹשׁ האט נישט

געטשעפעט די אידן צו ווייזן אז דער אויבערשטער האט געהיטן אויף זיינע טייערע קינדער. (שמח זבולון תשפ"ו)

**פארוואס שטייט בימי א לשון רבים?**

וַיְהִי בִּימֵי אֲחַשְׁוֵרוֹשׁ הוּא אֲחַשְׁוֵרוֹשׁ הַמֹּלֵךְ מֵהֹדּוּ וְעַד כּוּשׁ שֶׁבַע וְעֶשְׂרִים וּמֵאָה מְדִינָה: (א א) פארוואס שטייט "בִּימֵי" אֲחַשְׁוֵרוֹשׁ א לשון רבים? אויך פארוואס שטייט "הוּא אֲחַשְׁוֵרוֹשׁ"? נאר עס שטייט אין **אבן עזרא** אז עס איז געווען צוויי קעניגן מיטן נאמען אֲחַשְׁוֵרוֹשׁ, איינער איז געווען א קעניג נאר אויף פרס ומדי, און נאכדעם איז געקומען דער צווייטער אֲחַשְׁוֵרוֹשׁ פון די מגילה וואס האט געוועלטיגט אויף 127 מדינות, און אים האט מען גערופן אֲחַשְׁוֵרוֹשׁ הַמֹּלֵךְ מֵהֹדּוּ וְעַד כּוּשׁ שֶׁבַע וְעֶשְׂרִים וּמֵאָה מְדִינָה: דעריבער שטייט "בִּימֵי אֲחַשְׁוֵרוֹשׁ" ווייל עס איז זענען געווען צוויי, און "הוּא אֲחַשְׁוֵרוֹשׁ", מיינט מען דער אֲחַשְׁוֵרוֹשׁ פון די מגילה וואס הַמֹּלֵךְ מֵהֹדּוּ וְעַד כּוּשׁ. (אילת השחר להגאון ר' זאב וואלף טננבוים אב"ד ווערפאלט נדפס מונקאטש תרל"ו)

**שושן אדער שושן הבירה?**

בַּיָּמִים הָהֵם כְּשֶׁבֶת הַמֶּלֶךְ אֲחַשְׁוֵרוֹשׁ עַל כִּסֵּא מַלְכוּתוֹ אֲשֶׁר בְּשׁוּשַׁן הַבִּירָה: (א ב) די מגילה דערציילט אז אֲחַשְׁוֵרוֹשׁ האט זיך יעצט באזעצט אין שטאט שׁוּשַׁן, דעריבער האט ער געמאכט א סעודה וואס דאס איז געווען בִּשְׁנַת שָׁלוֹשׁ לְמָלְכוֹ. דארף מען פארשטיין פארוואס שטייט דא "שׁוּשַׁן הַבִּירָה", און אויך ביי מרדכי שטייט אִישׁ יְהוּדִי הָיָה "בְּשׁוּשַׁן הַבִּירָה", אבער אמאל שטייט נאר וַתִּנָּתֵן דָּת "בְּשׁוּשָׁן": און וַיִּקָּהֲלוּ הַיְּהוּדִיים אֲשֶׁר "בְּשׁוּשָׁן": גַּם בְּיוֹם אַרְבָּעָה עָשָׂר לְחֹדֶשׁ אֲדָר וַיַּהַרְגוּ "בְּשׁוּשָׁן"? נאר עס איז געווען צוויי חלקים אין שטאט שׁוּשַׁן, און וואו די קעניגליכע פאלאץ איז געווען, האט מען גערופן שׁוּשַׁן הַבִּירָה, און דארטן האבן אידן נישט געמעגט וואוינען, חוץ פון מרדכי, דעריבער איז די מגילה מדגיש אז נאר מרדכי איז געווען, אִישׁ יְהוּדִי הָיָה בְּשׁוּשַׁן הַבִּירָה, אבער די אנדערע חלק פון וואו די אידן האבן געוואוינט האט געהייסן נאר שׁוּשָׁן, איז שוין אלעס גוט. (אילת השחר להגאון ר' זאב וואלף טננבוים אב"ד ווערפאלט נדפס מונקאטש תרל"ו)

**שמונים ומאת יום איז שוין ימים רבים**

בְּהַרְאֹתוֹ אֶת עֹשֶׁר כְּבוֹד מַלְכוּתוֹ וְאֶת יְקָר תִּפְאֶרֶת גְּדוּלָּתוֹ יָמִים רַבִּים שְׁמוֹנִים וּמְאַת יוֹם: (א ד) די ווערטער יָמִים רַבִּים איז שווער, ווייל עס שטייט שְׁמוֹנִים וּמְאַת יוֹם מיינט דאס שוין יָמִים רַבִּים? נאר באמת איז שווער אויף די שְׁמוֹנִים וּמְאַת יוֹם, ווייל אויב דאס איז באמת געווען 180 טעג נאכאנאנד, קומט אויס אז אֲחַשְׁוֵרוֹשׁ איז געווען פארנומען מיט א סעודה 180 טעג, און וואס איז געווען מיט פירן די מלוכה פון 127 מדינות? נאר מען מוז זאגן אז די 180 טעג איז געווען צושפרייט אויף א לענגערע צייט, דעריבער שטייט יָמִים רַבִּים, ווייל עס איז נישט געווען 180 טעג מיט רציפות, נאר צושפרייט אויף אסאך טעג. (אילת השחר להגאון ר' זאב וואלף טננבוים אב"ד ווערפאלט נדפס מונקאטש תרל"ו)

**לעשות כרצון איש ואיש**

בְּהַרְאֹתוֹ אֶת עֹשֶׁר כְּבוֹד מַלְכוּתוֹ וְאֶת יְקָר תִּפְאֶרֶת גְּדוּלָּתוֹ יָמִים רַבִּים שְׁמוֹנִים וּמְאַת יוֹם: וּבִמְלוֹאת הַיָּמִים הָאֵלֶּה עָשָׂה הַמֶּלֶךְ לְכָל־הָעָם הַנִּמְצְאִים בְּשׁוּשַׁן הַבִּירָה לְמִגָּדוֹל וְעַד קָטָן מִשְׁתֶּה שִׁבְעַת יָמִים לַעֲשׂוֹת כִּרְצוֹן אִישׁ וָאִישׁ: (א ד–ח) לכאורה איז זייער שווער פארוואס שטייט לַעֲשׂוֹת כִּרְצוֹן אִישׁ וָאִישׁ נאר ביי די סעודה פון שִׁבְעַת יָמִים און נישט ביי די סעודה פון שְׁמוֹנִים וּמְאַת יוֹם? נאר ווייל די סעודות שְׁמוֹנִים וּמְאַת יוֹם איז געווען פאר זיינע שרים און מיליטער פון אלע 127 מדינות, ממילא איז נישט מעגלאך צו וויסן וואס יעדער האט ליב, אבער די סעודה פון שִׁבְעַת יָמִים איז נאר געווען לְכָל הָעָם הַנִּמְצְאִים בְּשׁוּשַׁן הַבִּירָה, ממילא האט מען געקענט נאכפרעגן וואס יעדער האט ליב און געקענט מאכן כִּרְצוֹן אִישׁ וָאִישׁ. (אילת השחר להגאון ר' זאב וואלף טננבוים אב"ד ווערפאלט נדפס מונקאטש תרל"ו)

**וואס מיינט כדת של תורה?**

וְהַשְּׁתִיָּה כַדָּת אֵין אֹנֵס כִּי כֵן יִסַּד הַמֶּלֶךְ עַל כָּל רַב בֵּיתוֹ לַעֲשׂוֹת כִּרְצוֹן אִישׁ וָאִישׁ: (א ה) פארוואס דארף מען שרייבן לַעֲשׂוֹת כִּרְצוֹן אִישׁ וָאִישׁ ווען עס שטייט שוין אֵין אֹנֵס? די גמ' (מגילה רף י"ב ע"ב) פרעגט אז עס שטייט וְהַשְּׁתִיָּה כַדָּת אֵין אֹנֵס, וואס מיינט כַּדָּת, וואס איז די געזעץ? ענטפערט די גמ' כדת של תורה, די געזעץ פון די תורה, אזוי ווי דת של תורה איז עסן מער פון טרינקען, ווייל מען איז מקריב פאר אכילת המזבח, א פַּר און ג' **עשרונים סולת למנחה**, אבער פאר שתיה און ניסוך, איז נאר חצי ההין, 6 לוג, אזוי איז געווען ביי אחשורוש מער עסן ווי טרינקען. לכאורה איז שווער אז עס שטייט אין גמ' (גיטין דף ע ע"א) **אליהו האט געזאגט צו ר' נתן אכול שליש**, זאלסט עסן א דריטל פון דיין מאגן, **שתה שליש**, און טרינק א דריטל, **והנח שליש**, און לאז איבער א דריטל ליידיג, ווייל **לכשתכעוס**, אויב דו וועסט ווערן אין כעס, וועט דאס אנפילן דער דריטל וואס איז געבליבן ליידיג, און עס וועט דיר נישט שאטן, אבער אויב מען עסט מער ווי א דריטל, און טרינקט מער ווי א דריטל, און מען ווערט אין כעס, קען חלילה די בויך פלאצן און מען קען חלילה שטארבן, איז שווער אויב דת של תורה ביי אחשורוש מיינט עסן איז געווען מער ווי טרינקען קומט אויס אז דא האט מען געגעסן מער ווי א דריטל, און מען האט געמוזט גיבן צו טרינקען ווייניגער, אבער אין מגילה איז דאך משמע אז מען האט געטרוקען אסאך, וואלט דאך געדארפט זיין א

סכנה? דעריבער שטייט אין מגילה אֵין אֹנֵס, און לַעֲשׂוֹת כִּרְצוֹן אִישׁ וָאִישׁ, ממילא וועט יעדער איינער זיין צופרידן און ממילא נישט קומען צו כעס, דעריבער האט מען געקענט עסן מער כדת של תורה און אויך טרינקען מער. (ברית שלום ר' פינחס בן פילטא, פרנקפורט תע"ח)

**ביום השביעי איז געווען שבת: וואס איז די ראי'**

בַּיּוֹם הַשְּׁבִיעִי כְּטוֹב לֵב הַמֶּלֶךְ בַּיָּיִן: (א יב) פרעגט די גמ' (מגילה דף יב:) איז נאר בַּיּוֹם הַשְּׁבִיעִי געווען כְּטוֹב לֵב הַמֶּלֶךְ בַּיָּיִן, און די פריערדיגע טעג איז ער נישט געווען טוֹב לֵב? ענטפערט רבא בַּיּוֹם הַשְּׁבִיעִי מיינט שבת. איז שווער ווי ווייסט מען אז עס איז שבת אפשר מיינט דאס די זיבעטע טאג פון די סעודה? נאר די ראי' איז פון וואס וַשְׁתִּי האט געשיקט זאגן אחשורוש פארוואס זי וויל נישט קומען: וַתְּמָאֵן הַמַּלְכָּה וַשְׁתִּי לָבוֹא בִּדְבַר הַמֶּלֶךְ, ווייל זי האט געזאגט איר טאטע האט געטרונקען טויזנט כוסות וויין און איז נישט געווארן שיכור און דו האסט געטרונקען אביסל און גלייך געווארן שיכור, דעריבער וַחֲמָתוֹ בָּעֲרָה בוֹ, ע"כ הגמ' שם. ממילא איז פשוט אז בַּיּוֹם הַשְּׁבִיעִי איז געווען שבת, ווייל אויב עס איז געווען יוֹם הַשְּׁבִיעִי פון משתה, איז נישט קיין טענה פארוואס ער איז געווארן שיכור ווייל אין זיבן טעג האט ער געטרונקען מער פון איר טאטע, אבער אויב עס איז שבת, האט דאס געקענט זיין דעם ערשטן טאג, און פון אזוי ווייניג טרינקען איז ער געווארן שיכור, אז וַיִּקְצֹף הַמֶּלֶךְ מְאֹד, האט זי געהאט א טענה. (משתה יין הגאון ר' מאיר ב"ר חיים אייזנשטאט פיורדא תנ"ה)

**ביום השביעי מיינט שבת!**

בַּיּוֹם הַשְּׁבִיעִי כְּטוֹב לֵב הַמֶּלֶךְ בַּיָּיִן: (א' י') רש"י ברענגט פון גמ' (מגילה י"ב:) אז שְׁבִיעִי מיינט מען שבת. מען וואלט געקענט מרמז זיין אז דאס וואס די מגילה איז מדגיש "בַּיּוֹם הַשְּׁבִיעִי" מיט א ה"א: ווייל אין דעם בַּיּוֹם הַשְּׁבִיעִי ליגט דער אנהויב פון די נסים פון פורים, ווייל ביז יעצט האט אחשורוש געמאכט א סעודה פון 180 טעג פאר די שרים און עבדים און נאכדעם האט ער געמאכט א סעודה פון 7 טעג פארן גאנצן פאלק. און עס האט זיך געגאסן וויין ווי וואסער און אודאי האט אחשורוש מיט געטרונקען די גאנצע צייט, דאס מיינט גאנצע 186 טעג האט ער געטרונקען און נישט געווארן שיכור, אבער פונקס ביי דעם 187 טאג וואס איז געווען בַּיּוֹם הַשְּׁבִיעִי, ווערט ער שיכור און הייסט ברענגען ושתי און איז מסכים איר צו הארגענען! און באמת דאס איז געווען איר טענה: אז איר טאטע בלשצר האט געטרונקען אזוי פיל ווי טויזנט מענטשן טרינקען און איז נישט געווארן שיכור, און דו ווערסט שיכור מיט אביסל טרינקען. דאס איז געווען דער אנהויב פון די באהאלטענע ניסים אז דייקא אין שבת איז ער געווארן שיכור כדי צו הארגענען ושתי, מדה כנגד מדה, וואס זי האט געטאן מיט די אידישע קינדער אין שבת, און נאכדעם איז אסתר געווארן מלכה און אזוי איז געקומען די ישועה. (שמח זבולון)

**וואס מיינט וויין מלכות?**

וְיֵין מַלְכוּת רָב כְּיַד הַמֶּלֶךְ: (א ז) די מפרשים פרעגן וואס איז דער חידוש "וְיֵין מַלְכוּת רָב", אז ביי די מלכות איז געווען אסאך וויין, עס איז פשוט אז א מלך האט אסאך וויין, אויב אזוי וואס דערציילט אונז דאס די מגילה? נאך א דיוק איז דא: פארוואס איז דא א דאפעלטע לשון וְיֵין "מַלְכוּת" רָב כְּיַד "הַמֶּלֶךְ", ווען עס וואלט געקענט נאר שטיין וְיֵין רָב כְּיַד הַמֶּלֶךְ–אז דער קעניג האט געהאט אסאך וויין– פארוואס דארף שטיין וְיֵין מַלְכוּת? אויך איז שווער אויב עס דארף יא שטיין וְיֵין "מַלְכוּת", וואלט געקענט שטיין דאס זעלבע וְיֵין מֶלֶךְ כְּיַד הַמֶּלֶךְ נישט א אנדערע לשון וְיֵין מַלְכוּת? נאר מען דארף זאגן אז דערווארט מַלְכוּת מיינט נישט דא דער קעניג, נאר פון די שרים פון זיין קעניגרייך, אזוי ווי מען טרעפט אין שו"ת הריב"ש אז מַלְכוּת מיינט די שרי המלוכה, און מֶלֶךְ מיינט מען דער קעניג, איז פשט אזוי: וְיֵין מַלְכוּת די וויין וואס די שרים האבן געברענגט, רָב איז געווען זייער א סאך, דעריבער איז פארענטפערט פארוואס שטייט מַלְכוּת און נישט מֶלֶךְ, איי וועסטו פרעגן האט דען אֲחַשְׁוֵרוֹשׁ נישט געהאט גענוג וויין פאר די סעודה? שטייט גלייך נאכדעם (פסוק ח) וְהַשְּׁתִיָּה כַדָּת אֵין אֹנֵס כִּי כֵן יִסַּד הַמֶּלֶךְ עַל כָּל רַב בֵּיתוֹ לַעֲשׂוֹת כִּרְצוֹן אִישׁ וָאִישׁ דאס מיינט דער וואס האט געוואלט טרינקען פון די וויין פון קעניג האט געטרונקען און די וואס האבן געוואלט זייער אייגענע וויין לויט זיין טעם און געשמאק, האט דער קעניג מסכים געווען, דעריבער וְהַשְּׁתִיָּה כַדָּת דער וואס האט געוואלט וויין לויט זיין געשמאק, אֵין אֹנֵס, האט מען אים נישט געצוואונגען צו טרינקען פון די וויין פון קעניג, פארוואס כִּי כֵן יִסַּד הַמֶּלֶךְ עַל כָּל רַב בֵּיתוֹ לַעֲשׂוֹת כִּרְצוֹן אִישׁ וָאִישׁ, זאל קענען טרינקען וויין לויט זיין געשמאק, און באמת דאס זאגט רבי אלעזר (מגילה דף יב ע"א) אֵין אֹנֵס מלמד שכל אחד ואחד השקהו יין של מדינתו, מוז דאך זיין אז יעדער שר האט געברענגט זיין אייגענע וויין און דאס מיינט וְיֵין מַלְכוּת איז געווען רָב. (איתן האזרחי הגאון רבי אברהם ראפפורט)

**די ראיה אז הדיוט קופץ מראש**

וַיֹּאמֶר מְמוּכָן: (א טז) תָּנָא מְמוּכָן זֶה הָמָן וְלָמָּה נִקְרָא שְׁמוֹ מְמוּכָן שֶׁמּוּכָן לְפוּרְעָנֻיּוֹת אָמַר רַב כָּהֲנָא מִכָּאן שֶׁהֶדְיוֹט קוֹפֵץ בָּרֹאשׁ. (מגילה דף יג ע"ב) פרעגט הגאון ר' מנחם כ"ץ אב"ד צעהלים זצ"ל א שטארקע דיוק, פארוואס דארף די גמ' מקדים זיין אז ממוכן איז המן און דאס איז די ראיה אז א הדיוט איז קופץ מראש, ווייל אפילו ממוכן איז נישט המן איז אויך די זעלבע ראיה, ווייל אז ממוכן שטייט די לעצטע אויס גערעכנט אין

פסוק, איז גענוג א ראיה אז ממוכן איז א הדיוט און איז קופץ מראש? און ער ענטפערט אז תוס' ד"ה ממוכן, ברענגט א מדרש אז ממוכן איז געווען דניאל, וואס ער איז געווען זייער חשוב, אויב אזוי פארוואס שטייט ער די לעצטע? נאר מען קען זאגן ווייל **אחרון** אחרון חביב, אבער ממוכן וואס איז דניאל איז געווען חשוב, ממילא האב איך נישט א ראיה אז מיט דעם וואס עס שטייט די לעצטע איז ווייל הדיוט קופץ מראש, דעריבער דארף די גמ' זאגן אז ממוכן איז המן, וואס אויף אים קען מען נישט זאגן אז ער איז געווען חשוב און **אחרון** אחרון חביב, ווייל עס שטייט שפעטער אַחַר הַדְּבָרִים הָאֵלֶּה גִּדַּל הַמֶּלֶךְ אֲחַשְׁוֵרוֹשׁ אֶת הָמָן (ג א) איז א ראיה אז פריערט איז ער נישט געווען חשוב, ממילא איז הפלא די ראיה אז אויב ממוכן איז המן און נישט געווען חשוב און עס שטייט וַיֹּאמֶר מְמוּכָן: איז א גוטע ראיה אז המן די הדיוט איז געווען קופץ בראש. (בית ישראל השלם ח"ו ממוח"ז אדמו"ר ממאטערסדארף זצוק"ל)

**דיני ממונות מתחילין מן הצד נישט קופץ מראש!**

וַיֹּאמֶר מְמוּכָן: (א טז) תָּנָא מְמוּכָן זֶה הָמָן וְלָמָּה נִקְרָא שְׁמוֹ מְמוּכָן שֶׁמּוּכָן לְפוּרְעָנוּת אָמַר רַב כָּהֲנָא מִכָּאן שֶׁהֶדְיוֹט קוֹפֵץ בָּרֹאשׁ. לכאורה איז שווער וואס איז די ראיה פון דעם וואס ממוכן האט גערעדט ערשט איז ווייל א הדיוט איז **קופץ מראש**, בשעת עס שטייט אין די משנה (סנהדרין פרק ד א) **"דיני ממונות הטמאות והטהרות מתחילין מן הגדול דיני נפשות מתחילין מן הצד"**, ביי דיני נפשות פאנגט מען אן פריערט פון קלענערע דיינים, דעריבער דא איז געווען דיני נפשות וועגן ושתי, האט ממוכן געמוזט אנטפאנגען און זאגן ערשט, אבער נישט ווייל ער איז געווען א הדיוט? נאר די תירוץ איז פשוט ווייל עס שטייט דארטן אין די משנה, **ודיני נפשות פותחין לזכות ואין פותחין לחובה**, ביי דיני נפשות דארף מען אנטפאנגען זאגן א זכות און ווייל ממוכן האט אנגעפאנגען מיט חובה אז ושתי איז חייב מיתה האט ער נישט געטאן לפי הדין, נאר ווייל ער איז א הדיוט וואס איז קופץ מראש און געטאן נישט ריכטיג. (מנחת יהודה פתייה)

**די ווערטער וכל הנשים האבן א שייכות צו מגילת אסתר**

וְכָל הַנָּשִׁים אֲשֶׁר נָשָׂא לִבָּן אֹתָנָה בְּחָכְמָה טָווּ אֶת הָעִזִּים: (שמות לה כו) דער בעל הטורים זאגט עס שטייט אויך אין מגילת אסתר וְכָל הַנָּשִׁים יִתְּנוּ יְקָר לְבַעְלֵיהֶן לְמִגָּדוֹל וְעַד קָטָן: (א כ) קען מען זאגן דער שייכות פון ביידע פסוקים: שטייט אין מדרש אז דער בנין המשכן איז געווען צו מכפר זיין אויפן חטא העגל, און עס שטייט אז די נשים האבן נישט געזינדיגט ביים עגל [עיין מגן **אברהם** אנפאנג הל' ר"ח דעריבער איז ר"ח א יו"ט פאר זיי] ממילא האבן די נשים נישט געדארפט עוסק זיין אין דעם בניית משכן, נאר פונדעסטוועגן: וְכָל הַנָּשִׁים אֲשֶׁר נָשָׂא לִבָּן אֹתָנָה, האבן זיי דאס געטאן בְּחָכְמָה, און טָווּ אֶת הָעִזִּים, ווייל זיי האבן געוואלט מכבד זיין זייערע מענער אז דער משכן זאל אויסזעהן שיין דורך זייער הילף, ווייל וְכָל הַנָּשִׁים יִתְּנוּ יְקָר לְבַעְלֵיהֶן לְמִגָּדוֹל וְעַד קָטָן: זיי האבן מכבד געווען די מענער כדי זיי זאלן האבן א כפרה און כבוד. (לחם אשר– הגאון ר' אשר אנשיל מילר אב"ד פעטראזשעני)

**וואס איז דער ענין ומדבר כלשון עמו?**

וַיִּשְׁלַח סְפָרִים אֶל כָּל מְדִינוֹת הַמֶּלֶךְ אֶל מְדִינָה וּמְדִינָה כִּכְתָבָהּ וְאֶל עַם וָעָם כִּלְשׁוֹנוֹ לִהְיוֹת כָּל אִישׁ שֹׂרֵר בְּבֵיתוֹ וּמְדַבֵּר כִּלְשׁוֹן עַמּוֹ: (א כב) דארף מען פארשטיין פארוואס איז דורך וואס וַשְׁתִּי איז נישט געקומען איז געווארן די גזירה אז די פרוי דארף רעדן די שפראך פון איר מאן? און בכלל וואס וועט דאס אויפטאן? נאר די גמ' (מגילה יב ב) איז מסביר דעם ויכוח פון ושתי: וַתְּמָאֵן הַמַּלְכָּה וַשְׁתִּי לָבוֹא בִּדְבַר הַמֶּלֶךְ אֲשֶׁר בְּיַד הַסָּרִיסִים וַיִּקְצֹף הַמֶּלֶךְ מְאֹד: (א יב) זאגט רבא ווייל זי האט געשיקט זאגן דו ביזט "בר אהורייריה" דער זון פון די – **שומרי הסוסים**, וואס מיין טאטע האט געטרונקען טויזנט גלעזער וויין און איז נישט געווארן שיכור, און דו האסט געטרונקען אפאר גלעזער און ביזט שוין געווארן משוגע, דעריבער וַחֲמָתוֹ בָּעֲרָה בוֹ. וואס באמת איז א פלא אז זי זאל אזוי רעדן, און אז די סריסי המלך זאלן האבן די חוצפה אזוי צו רעדן פארן קעניג און די שרים, אפילו זיי זאגן נאך וואס זי האט געזאגט! נאר ווייל וַשְׁתִּי איז געווען פון **כשדים** האט זי גערעדט בלשון כשדי, אבער **אחשורוש** און די סריסי המלך האבן גערעדט בלשון סורסי, און די סריסי המלך האבן נישט פארשטאנען לשון כשדי, ממילא האט וַשְׁתִּי זיי פאר געזאגט וואס זיי זאלן זאגן און ווייל זיי האבן נישט פארשטאנען, האבן זיי געמיינט אז זיכער איז דאס א שיינע תירוץ, אבער ווען די סריסי המלך האט איבערגעזאגט די ווערטער פון וַשְׁתִּי בלשון **כשדי**, איז געווען גענוג שרים וואס האבן יא פארשטאנען לשון כשדי און **אחשורוש** איז געווארן גוט פארשעמט, דעריבער וַחֲמָתוֹ בָּעֲרָה בוֹ. און טאקע וועגן דעם האט ער גוזר געווען לִהְיוֹת כָּל אִישׁ שֹׂרֵר בְּבֵיתוֹ וּמְדַבֵּר כִּלְשׁוֹן עַמּוֹ, אז די פרוי דארף זיין אונטערטעניג אונטער איר מאן און זי מעג נאר רעדן די שפראך פון איר מאן, וועט עס מער נישט קומען צו אזא זאך. (ליקוטי חבר בן חיים תלמיד חת"ם סופר)

**צוויי פשטים: לְבַת מיינט לְבַיִת פון וואו ווייסט מען דאס**

וּבְמוֹת אָבִיהָ וְאִמָּהּ לְקָחָהּ מָרְדֳּכַי לוֹ לְבַת: (ב ז) דרשענט די גמ' (מגילה דף יג ע"א) אל תקרי "לְבַת" אֶלָּא לְבַיִת. אז מרדכי האט חתונה געהאט מיט איר. פון וואנעט נעמט זיך דאס צו זאגן אפשר מיינט אז מרדכי האט איר געהאדוועט ווי א טאכטער? נאר מען קען זאגן, ווייל פאר א טאכטער וואלט געדארפט שטיין לְקָחָהּ מָרְדֳּכַי לוֹ כְּבַת, אזוי ווי א טאכטער

און ווייל עס שטייט לְבַת, קען דאס מיינען לְבַיִת, צו חתונה האבן מיט אסתר. (אוצרות יוסף מוסקאט ליוורנו תקמ"ג)

**נאך א תירוץ אויף לְבַיִת**

ווייל עס שטייט פריערט (פסוק ו) **אֲשֶׁר הָגְלָה מִירוּשָׁלַיִם**, אמר רבא: שגלה מעצמו: מרדכי איז ארויסגעגאנגען פון זיך אליין פון א"י, שטעלט זיך די קשיא, אין גמ' (ב"ב דף צ"א ע"א) שטייט אז נאר אויף צו חתונה האבן מעג מען ארויסגיין פון א"י, אויב אזוי ווי האט מרדכי געמעגט ארויסגייןפון א"י? דעריבער דרשענט מען, אל תקרי "לְבַת" אֶלָּא לְבַיִת, אז מרדכי האט חתונה געהאט מיט איר. דעריבער האט מרדכי געמעגט ארויסגיין פון א"י. (קובץ כרם שלמה אדר תשל"א מהנודע ביהודה כת"י)

**פארוואס האט אסתר נישט דערציילט איר פאלק?**

לֹא הִגִּידָה אֶסְתֵּר אֶת עַמָּהּ וְאֶת מוֹלַדְתָּהּ כִּי מָרְדֳּכַי צִוָּה עָלֶיהָ אֲשֶׁר לֹא תַגִּיד: (ב י) דער פשוט פשט איז אז האט אסתר נישט דערציילט איר פאלק ווייל מרדכי האט אזוי באפוילן. אבער בדרך דרש קען מען זאגן אז באמת האט אסתר געזוכט וועגן צו אנטלויפן פון אחשורוש ווייל מען האט איר גענומען בע"כ, ממילא אויב זי וועט זאגן וועלכע פאלק זי איז, וועט אחשורוש וויסן וואו איר צו זוכן, און אזוי וועט ער נישט וויסן וואו צו גיין, אויב זי וועט מצליח זיין צו אנטלויפן. (ספר מחשבות משה, הר"ר משה באכנער נכד הגה"ק ר' שלמה זצ"ל אב"ד דק"ק קרשאנוב- קראקא תרפ"ה)

**וואס מיינט מְשׁוֹמְרֵי הַסַּף**

בַּיָּמִים הָהֵם וּמָרְדֳּכַי יוֹשֵׁב בְּשַׁעַר הַמֶּלֶךְ קָצַף בִּגְתָן וָתֶרֶשׁ שְׁנֵי סָרִיסֵי הַמֶּלֶךְ מִשֹּׁמְרֵי הַסַּף וַיְבַקְשׁוּ לִשְׁלֹחַ יָד בַּמֶּלֶךְ אֲחַשְׁוֵרֹשׁ: (ב כא) שטייט אז בִּגְתָן וָתֶרֶשׁ האבן געהיט דעם סף: וואס מיינט סף? דער תרגום אסתר שרייבט "בגתן ותרש טרסאי תרין רברבני מלכא "מנטרי פלטירא" ואמרו לאשקאה סמא דמותא". שֹׁמְרֵי הַסַּף- זיי האבן געהיט דעם פאלאץ. און אין **אגדת אסתר** און אין **ילקוט שמעוני** (אסתר פ"ב) ברענגען זיי ר' לוי וואס שרייבט אז זיי האבן געהיט דעם שער המלך, און דארטן ברענגט מען נישט וועגן לייגן סַם, נאר עס שטייט **"נלך ונהרגנו בצנעה"**, קומט אויס לויט זיי, מיינט שֹׁמְרֵי הַסַּף: דעם טויער פון פאלאץ, און אזוי וואלטן זיי געקענט הרגענען אחשורוש בצנעה, אבער די גמ' (מגילה יג) ברענגט אז בִּגְתָן וָתֶרֶשׁ האבן געוואלט הרגענען אחשורוש ווייל זיי האבן געזאגט אז אחשורוש טרינקט זייער אסאך און זיי קענען נישט שלאפן וועגן דעם, און דעריבער דורך ארייגלייגן סם אין זיין גלאז וועלן זיי אים הרגענען. איז שווער לויט דעם תרגום: ווי אזוי וואלטן זיי געקענט אנקומען צו לייגן סם אין א גלאז פון קעניג, ווען עס וואלט זיכער געווען שומרים אויפן כלים פון קעניג? אבער דער תרגום שני טייטשט שֹׁמְרֵי הַסַּף "מנטרי מניא" זיי האבן געהיט די כלים! און מען טרעפט אויך אז סַף מיינט כלים: רש"י (ע"ז דף לח:) ד"ה וְסִפּוֹת: "כֵּלִים" להשתמש כמו שֹׁמְרֵי הַסַּף (אסתר ב) ע"כ, אויך רש"י און דער רשב"ם (שמות יב כב) זאגן אויפן פסוק: (שמות יב כב) **וּטְבַלְתֶּם בַּדָּם אֲשֶׁר בַּסַּף**: בִּכְלִי, **ספות כסף**, און אזוי שטייט אין (מלכים ב יב יד) סִפּוֹת כֶּסֶף וגו' כָּל כְּלִי זָהָב, וּכְלִי כָסֶף וגו'. צו פארשטיין אדער זיי האבן געהיט דעם שער אדער די כלים! נאר דער הייליגער מהרש"א (מגילה יג) לערנט אז באמת, סַף מיינט ביידע זאכן, סיי כלים און סיי שער, און ווייל עס איז געווען צוויי מענטשן, בִּגְתָן וָתֶרֶשׁ, האט איינער געהיט אויפן שער און איינער אויפן כלים, אבער מען האט דאך געדארפט גיין ברענגען סַם פון ערגעץ און דערווייל וועט דאך נישט זיין א שומר ביי די כֵּלִים, האבן זיי אפגעמאכט אז איינער פון זיי וועט דארפן זיין די שומר אויף ביידע פלעצער, און לויפן אהין און צוריק, אבער וַיְבֻקַּשׁ הַדָּבָר וַיִּמָּצֵא! מען האט געזען אז דער שומר איז נישט געווען! האט מען זיי געכאפט מיט דעם. קומט אויס אז ביידע טייטשן פון סַף זענען אמת, איינער איז געווען א שומר ביים שער המלך און איינער איז געווען א שומר אויף די כלים. (שמח זבולון תש"פ)

**פון וואו ווייסט מען אז עס איז געווען א חלום?**

וּמָרְדֳּכַי יָדַע אֶת כָּל אֲשֶׁר נַעֲשָׂה: (אסתר ד א) פרעגט רש"י פון וואו האט מרדכי געוואוסט? נאר **בַּעַל הַחֲלוֹם אָמַר לוֹ**, (גמ' מגילה און מדרש) פרעגט מען ווער זאגט עס איז געווען א חלום אפשר איז דאס געווען בגילוי, ווען ער איז געווען אויף? דעריבער זאגן אנדערע אז יָדַע איז בגימט' חֲלוֹם, אבער מען קען זאגן פשוט לויט וואס שטייט אין גמ' (חגיגה דף ה ע"ב) אויפן פסוק וְאָנֹכִי הַסְתֵּר אַסְתִּיר פָּנַי בַּיּוֹם הַהוּא (דברים לא יח) זאגט רש"י **אמר הקב"ה אף על פי שהסתרתי פני מהם בחלום אדבר בו**, זאגט רש"י בַּיּוֹם הַהוּא אז די הסתר וועט זיין נאר ביום, אבער בלילה וועל איך ווייזן מיט א חלום, און **אסתר מן התורה מנין?** (חולין קלט ע"ב) איז פון דעם פסוק! דעריבער איז מוכח אז עס איז געווען בחלום, ווייל עס איז דעמאלט געווען א הסתר פנים, ודו"ק. (אמרי נועם דזיקוב פורים)

**המן האט געכאפט פארוואס מרדכי וויל נישט בוקן צו אים**

וּמָרְדֳּכַי לֹא יִכְרַע וְלֹא יִשְׁתַּחֲוֶה: (ג ב) פארוואס האט מרדכי נישט געוואלט זיך בוקן צו המן? שטייט אין ספר **כסא דוד** -פון הייליגן חיד"א- (דרוש ב' לשבת זכור ד' ע"ג) אז מרדכי איז געווען א גלגול פון יעקב, און המן איז געווען א גלגול פון עשו, און ווייל יעקב האט געבוקט צו עשו זיבן מאל, האט מרדכי זיין גלגול, דאס געוואלט מתקן זיין, און דעריבער זיך נישט געבוקט צו המן וואס איז א גלגול פון עשו ע"כ, אויב אזוי פארוואס האט מרדכי זיך געמעגט זיך אריין לייגן אין א סכנה? נאר מרדכי האט געהאט א טיפערע כוונה, וואס

דער הייליגער ר' שלמה אלקבי"ץ שרייבט אין ספר מנות הלוי (דף קא) אז מרדכי האט געוואוסט אז המן מיינט נישט נאר אים צו הרגענען, נאר אויך כלל ישראל, דעריבער האט ער זיך מוסר נפש געווען וועגן די חטא וואס די אידן האבן זיך געבוקט צום צלם ביי נבוכדנצר, איז ער געווען גרייט צו זיין א כפרה פאר כלל ישראל, און אזוי ראטעווען כלל ישראל ע"כ, מיט דעם מהלך קען מען מסביר זיין א שטארקע דיוק וואס מען פרעגט: עס שטייט ווייטער (פסוק ה) וַיַּרְא הָמָן כִּי אֵין מָרְדֳּכַי כֹּרֵעַ וּמִשְׁתַּחֲוֶה לוֹ וַיִּמָּלֵא הָמָן חֵמָה: און (פסוק ו) שטייט וַיִּבֶז בְּעֵינָיו לִשְׁלֹחַ יָד בְּמָרְדֳּכַי לְבַדּוֹ כִּי הִגִּידוּ לוֹ אֶת עַם מָרְדֳּכָי וַיְבַקֵּשׁ הָמָן לְהַשְׁמִיד אֶת כָּל הַיְּהוּדִים אֲשֶׁר בְּכָל מַלְכוּת אֲחַשְׁוֵרוֹשׁ עַם מָרְדֳּכָי: וואס עס איז א פלא וַיִּמָּלֵא הָמָן חֵמָה איז משמע אז המן האט געוואלט הרגענען מרדכי, און גלייך נאכדעם שטייט "וַיִּבֶז בְּעֵינָיו לִשְׁלֹחַ יָד בְּמָרְדֳּכַי לְבַדּוֹ, דאס מיינט ער האט שוין נישט געוואלט הרגענען מרדכי, ווייל ער איז א איד, נאר וַיְבַקֵּשׁ הָמָן לְהַשְׁמִיד אֶת כָּל הַיְּהוּדִים, אלע אידן, פארוואס יעצט וויל ער הרגענען אלע אידן און נישט מרדכי? נאר לויטן מנות הלוי איז הפלא: המן האט געכאפט די טיפע כוונה פון מרדכי אז דורך זיין מסירת נפש וועט זיין א כפרה אויף כלל ישראל, דעריבער האט ער נישט געוואלט הרגענען מרדכי, ממילא וועט נאך זיין א קיטרוג אויף כלל ישראל פון זייער בוקן צום צלם פון נבוכדנצר, און אזוי וועט ער קענען אויספירן זיין גזירה חלילה. (שמח זבולון תשפ"ד)

**וואס איז דער ענין אז ער האט דערציילט כי הוא יהודי?**

וַיַּגִּידוּ לְהָמָן לִרְאוֹת הֲיַעַמְדוּ דִּבְרֵי מָרְדֳּכַי כִּי הִגִּיד לָהֶם אֲשֶׁר־הוּא יְהוּדִי: (ג' ד') וואס איז דער ענין אז ער האט דערציילט כי הוא יהודי נאר עס שטייט אין מדרש אז מרדכי איז געווען שקול אזוי ווי משה רבינו בדורו. און אין ספר יערות דבש שטייט אז מרדכי הצדיק איז געווען א ניצוץ פון משה רבינו. און אין ילקוט שמעוני שטייט דער טעם פארוואס משה האט נישט זוכה געווען צו באגראבן ווערן אין ארץ ישראל ווייל ווען ער האט געהערט די בנות יתרו זאגן איש מצרי הצילנו האט ער געשוויגן און נישט מודה געווען אז ער איז א איד, ווייל בשלמא אין מצרים האט ער מורא געהאט צו זאגן אז ער איז א איד וועגן סכנת נפשות, אבער אין מדין האט ער נישט מורא געהאט איז דאס געווען א פגם לגבי משה רבינו, דעריבער האט מרדכי וואס איז שקול ווי משה רבינו און אויך א ניצוץ פון איהם געזאגט בפירוש פאר אלעמען כי הוא יהודי מתקן זיין די פגם פון משה. (אור דוד לאסק)

**פארוואס האט מרדכי נישט מורא געהאט פון המן**

וּמָרְדֳּכַי לֹא יִכְרַע וְלֹא יִשְׁתַּחֲוֶה: (ג' ב') פארוואס האט מרדכי נישט מורא געהאט פון המן? נאר עס שטייט אין ספרים אז ווייל די שבטים האבן זיך געבוקט צו עשו דעריבער האט המן וואס איז געווען א ניצוץ פון עשו האט געהאט א שליטה אויף די אידן, אבער נאר אויף די שבטים וואס האבן זיך געבוקט צו אים, אבער בנימין וואס איז נאך נישט געהאט געבוירן דעמאלטס, האט המן נישט געקענט האבן א שליטה אויף זיי, דעריבער מרדכי וואס שטאמט פון בנימין האט זיך נישט געבוקט צו עשו. (אור דוד לאסק)

**פארוואס איז נאר יעצט געווען וימלא המן חמה?**

וַיְהִי בְּאָמְרָם [כְּאָמְרָם] אֵלָיו יוֹם וָיוֹם וְלֹא שָׁמַע אֲלֵיהֶם וַיַּגִּידוּ לְהָמָן לִרְאוֹת הֲיַעַמְדוּ דִּבְרֵי מָרְדֳּכַי כִּי־הִגִּיד לָהֶם אֲשֶׁר הוּא יְהוּדִי: וַיַּרְא הָמָן כִּי אֵין מָרְדֳּכַי כֹּרֵעַ וּמִשְׁתַּחֲוֶה לוֹ וַיִּמָּלֵא הָמָן חֵמָה: (ג ד–ה) איז שווער פארוואס וַיִּמָּלֵא הָמָן חֵמָה וועגן כִּי הִגִּיד לָהֶם אֲשֶׁר הוּא יְהוּדִי, האט דען המן נישט געוואוסט ביז יעצט אז מרדכי איז א איד? נאר מען קען זאגן אז אויב א מענטש וואס איז א איש חשוב איז זיך נישט מכניע צו א שר, קען מען פארשטיין ווייל ער א איש חשוב און קרוב למלכות, אבער אויב א פשוטער מענטש איז זיך נישט מכניע צו א שר קען ער באקומען א עונש פארדעם, דאס זעלבע איז געווען מיט מרדכי און המן, ווען אין אנפאנג שטייט אִישׁ יְהוּדִי הָיָה בְּשׁוּשַׁן הַבִּירָה וּשְׁמוֹ מָרְדֳּכַי (ב ה) און עס איז באוואוסט אז אִישׁ מיינט חשוב, ממילא האט המן געמיינט אז מרדכי איז א איש חשוב און אויב ער בוקט זיך נישט צו אים איז דאס נישט א גרויסע עבירה, אבער נאכדעם וואס מען האט געזאגט פאר המן, "אֲשֶׁר הוּא יְהוּדִי:" ער איז נאר א פשוטער מענטש אויב אזוי איז דאס א עוולה וואס מרדכי בוקט זיך נישט צו אים דעריבער וַיִּמָּלֵא הָמָן חֵמָה. (איתן האזרחי הגאון רב אברהם רפפארט)

**אסתר האט מרמז געווען פאר מרדכי**

וַתְּצַוֵּהוּ עַל מָרְדֳּכָי לָדַעַת מַה זֶּה וְעַל מַה זֶּה: (ד' ה') וואס איז דער ענין מַה זֶּה וְעַל מַה זֶּה? נאר אסתר האט געוואלט מרמז זיין פאר מרדכי, אפשר האבן די אידן כופר געווען אין די לוחות וואס דארטן שטייט מִזֶּה וּמִזֶּה הֵם כְּתֻבִים (שמות לב טו) און וועגן דעם איז געקומען די גזירות. (אור דוד לאסק)

**פארוואס ואת ובית אביך תאבדו?**

כִּי אִם הַחֲרֵשׁ תַּחֲרִישִׁי בָּעֵת הַזֹּאת רֶוַח וְהַצָּלָה יַעֲמוֹד לַיְּהוּדִים מִמָּקוֹם אַחֵר וְאַתְּ וּבֵית אָבִיךְ תֹּאבֵדוּ: (ד יד) אין ספר יד דוד (פון ווייטצנער רב הגאון ר' דוד יהודה זילבערשטיין זצ"ל) איז ער מעורר פון וואו האט מרדכי געוואוסט אז רֶוַח וְהַצָּלָה יַעֲמוֹד לַיְּהוּדִים מִמָּקוֹם אַחֵר און אפשר וועט גזירת המן חלילה בלייבן? אויך פרעגט ער פארוואס זאגט מען נישט הלל אויב די אידן זענען געראטעוועט פון ווערן פארניכטעט, איז דאס א גרויסע נס? נאך אזאך איז לענ"ד שווער, וואס

מיינט וְאַתְּ וּבֵית אָבִיךְ תֹּאבֵדוּ, אויב עס וועט זיין רֶוַח וְהַצָּלָה פאר כלל ישראל, פארוואס זאלן זיי ווערן פארניכטעט? נאר מרדכי הצדיק האט געוואוסט קלאר אז דער אויבערשטער האט צו געזאגט אז ער וועט קיינמאל נישט אויס מעקן כלל ישראל, און דא ביי די גזירה פון המן לְהַשְׁמִיד לַהֲרֹג וּלְאַבֵּד אֶת כָּל הַיְּהוּדִים מִנַּעַר וְעַד זָקֵן טַף וְנָשִׁים בְּיוֹם אֶחָד, וועט דער אויבערשטער דאס נישט צולאזן, ממילא וועט אזא גזירה מוזן בטל ווערן און עס וועט זיין א רֶוַח וְהַצָּלָה פאר כלל ישראל, האט מרדכי געזאגט פאר אסתר כִּי אִם הַחֲרֵשׁ תַּחֲרִישִׁי בָּעֵת הַזֹּאת, אויב דו וועסט שווייגן, רֶוַח וְהַצָּלָה יַעֲמוֹד לַיְּהוּדִים מִמָּקוֹם אַחֵר וועט זיין א רעטטונג פון ערגעץ אנדערש און וועסט פארלירן דיין זכות פון הצלת ישראל, און דאס מיינט וְאַתְּ וּבֵית אָבִיךְ תֹּאבֵדוּ, איר וועט פארלירן אייער זכות, איז אויך גוט פארוואס מען זאגט נישט הלל, ווייל די גזירת המן וואלט סיי ווי נישט געקענט פארקומען. (שמח זבולון תשפ"ב)

**כלל ישראל וועט אייביג בלייבן**

רֶוַח וְהַצָּלָה יַעֲמוֹד לַיְּהוּדִים מִמָּקוֹם אַחֵר: (ד יד) דארף מען פארשטין ווי האט מרדכי געוואוסט אז א הצלה וועט קומען פון א אנדער פלאץ? און אויב כלל ישראל איז געשטאנען אין א סכנה פון לְאַבְּדָם חלילה, און זיי זענען געראטעוועט געווארן פון דעם, אויב אזוי פארוואס זאגט מען נישט הלל אויף דעם נס אין פורים? נאר איין קשיא פאראנטפערט דעם צווייטן: ווייל מרדכי האט געוואוסט אז אן כלל ישראל איז נישטא קיין וועלט, בראשית די בריאה איז בשביל ישראל (רש"י אנפאנג בראשית) ממילא אז המן האט גוזר געווען אויף לְאַבְּדָם, קען דאס נישט זיין, ווייל דער אויבערשטער האט צוגעזאגט אז כלל ישראל איז אויף אייביג, און די גזירה וועט ממילא בטל ווערן, דעריבער איז מרדכי געווען זיכער אז רֶוַח וְהַצָּלָה יַעֲמוֹד לַיְּהוּדִים, און טאקע דערפאר זאגט מען נישט הלל, ווייל די גזירה וואלט נישט געקענט מקויים ווערן. (יד דוד הגאון ר' דוד לייב זילברשטיין אב"ד ווייטצען)

**המן האט געברענגט אחדות צו כלל ישראל**

לֵךְ כְּנוֹס אֶת כָּל הַיְּהוּדִים. אויך שטייט וּשְׁאָר הַיְּהוּדִים אֲשֶׁר בִּמְדִינוֹת הַמֶּלֶךְ נִקְהֲלוּ וְעָמֹד עַל נַפְשָׁם די אידן האבן זיך איינגעזאמעלט, און דורך די אחדות, ועמד על נפשם. האבן די אידן געהאט א קיום. דער בית המקדש השני איז געבויט דורך אחדות און ווייל שפעטער איז געווען שנאת חנם איז דאס חרוב געווארן. ממילא דורך שיקן משלוח מנות וועט נתעורר די אהבת ישראל און מיר וועלן זוכה זיין צום בנין בית שלישי. (שפת אמת גור) אויך אין פורים האט המן, וואס איז עמלק, געזאגט "יֶשְׁנוֹ עַם אֶחָד מְפֻזָּר וּמְפֹרָד בֵּין הָעַמִּים". ווייל עמלק זוכט צו מאכן א פירוד ביי כלל ישראל מיט מחלוקת, דעריבער שיקט מען משלוח מנות און מתנות לאביונים צו ווייזן אז עס איז דא אחדות און אויך אהבת ישראל וואס דורך אהבת ישראל איז דא מחיית עמלק. (שפת אמת גור) מען קען צולייגן אז צורר איז א לשון פון א בינטל, **צורר אדם בשר וגבינה** (חולין קז:) מען קען צוזאם לייגן, ווייל דורך הָמָן בֶּן הַמְּדָתָא "צֹרֵר הַיְּהוּדִים" איז צוזאמען געבונדן געווארן כלל ישראל מיט אחדות און אזוי איז געווען די ישועה.
(מיוסד על ספר ימי הפורים)

**וואס האט המן גרויס געהאלטן אז ער איז גרעסער פון די קנעכט?**

וַיְסַפֵּר לָהֶם הָמָן אֶת כְּבוֹד עָשְׁרוֹ וְרֹב בָּנָיו וְאֵת כָּל אֲשֶׁר גִּדְּלוֹ הַמֶּלֶךְ וְאֵת אֲשֶׁר נִשְּׂאוֹ עַל הַשָּׂרִים וְעַבְדֵי הַמֶּלֶךְ: (ה יא) עס איז א פלא ווייל יש מנה בכלל מאתים, דאס מיינט אויב מען האט אים געמאכט גרעסער פון די שָׂרִים איז ער אוודאי געווען גרעסער פון די נידעריגע עַבְדֵי הַמֶּלֶךְ? נאר עס איז דא א גמ' (ברכות דף לד ע"ב) וואס דער זון פון רַבִּי יוֹחָנָן בֶּן זַכַּאי איז געווארן קראנק און ער האט געבעטן רַבִּי חֲנִינָא בֶּן דּוֹסָא צו מתפלל זיין פארן קינד און דאס קינד איז געווארן געזונט שטייט אז די פרוי פון רַבִּי יוֹחָנָן בֶּן זַכַּאי האט אים געפרעגט איז דען שייך אז דיין תלמיד רַבִּי חֲנִינָא בֶּן דּוֹסָא איז גרעסער פון דיר וואס מען האט אים גלייך געענטפערט? האט רַבִּי יוֹחָנָן בֶּן זַכַּאי געענטפערט רַבִּי חֲנִינָא בֶּן דּוֹסָא איז ווי א עבד ביים אויבערשטן וואס קען שטענדיג אריינגיין, אבער איך בין א שר וואס דארף רשות ע"כ. דאס האט המן געזאגט מען האט אים נישט נאר געמאכט א שר וואס דארף בעטן רשות, נאר אויך ווי א עבד און ער קען שטענדיג אריינגיין צום קעניג און אזוי וועט ער קענען מאכן שלעכט פאר כלל ישראל, אבער עס האט אים נישט געהאלפן. (קרן לדוד גרינוואלד מועדים)

**עצת ה' היא תקום**

וַתֹּאמֶר לוֹ זֶרֶשׁ אִשְׁתּוֹ וְכָל־אֹהֲבָיו יַעֲשׂוּ עֵץ גָּבֹהַּ חֲמִשִּׁים אַמָּה וּבַבֹּקֶר אֱמֹר לַמֶּלֶךְ וְיִתְלוּ אֶת מָרְדֳּכַי עָלָיו: (ה יד) דארף מען פארשטיין פארוואס האט מען געהייסן מאכן א הויכער האלץ און אינדערפרי גיין צום קעניג, ווען המן וואלט געקענט גיין צום קעניג און זאגן מען זאל מאכן א הויכער האלץ פאר מרדכי? נאר זיי האבן געוואוסט אז אחשורוש איז א מלך הפכפך, וואס ער טושט זיין כגיסטע גלייך, האבן זיי געזאגט עס זאל זיין גרייט די האלץ, און ווען המן וועט רעדן צום קעניג אויף מרדכי און אחשורוש וועט ווערן אין כעס, וועלן זיי שוין נעמען מרדכי צו די תליה ביז אחשורוש וועט חרטה האבן, אבער דער אויבערשטער האט זיי געוויזן אז עצת ה' היא תקום וואס שטייט גלייך נאכדעם (ו א) בַּלַּיְלָה הַהוּא נָדְדָה שְׁנַת הַמֶּלֶךְ און דאס האט געברענגט די נס, און דאס וואס זיי האבן געמיינט אז אחורוש וועט חרטה האבן נאך וואס זיין כעס וועט אוועקגיין איז נישט געווען ריכטיג, ווייל עס שטייט (ז י) וַיִּתְלוּ אֶת הָמָן עַל הָעֵץ אֲשֶׁר הֵכִין לְמָרְדֳּכָי וַחֲמַת הַמֶּלֶךְ שָׁכָכָה: אז אחשורוש האט

געהייסן אויף הענגען המן אפילו עס איז געווען אז זיין כעס איז אוועק פון אים. (באר שמואל אונסדארף)

**וואס האט שמשי אויס געמעקט?**

בַּלַּיְלָה הַהוּא נָדְדָה שְׁנַת הַמֶּלֶךְ וגו': "וַיִּמָּצֵא כָתוּב" אֲשֶׁר הִגִּיד מָרְדֳּכַי עַל בִּגְתָנָא וָתֶרֶשׁ וגו': (ו' ב) פרעגט די גמ' (מגילה דף טו ע"ב) עס וואלט געדארפט שטיין "וַיִּמָּצֵא כְתַב" אז מען האט געטראפן שטיין וואס מרדכי האט געטאן? נאר כָּתוּב מיינט אז שִׁמְשִׁי האט אויסגעמעקט וואס איז געשטאנען און מלאךגבריאל האט דאס צוריק געשריבן, דעריבער שטייט כָּתוּב עס איז געווען פריש געשריבן, אבער איז שווער אז עס שטייט נישט וואס שִׁמְשִׁי האט אויסגעמעקט, און אויב מען וועט זאגן אז ער האט אויסגעמעקט די אלע ווערטער וואס מרדכי האט געטאן, וואלט געדארפט שטיין "וַיִּמָּצֵא כְּתוּבִין" אסאך ווערטער געשריבן? נאר מען מוז זאגן אז דער תירוץ איז אין די ווערטער "וַיִּמָּצֵא כָּתוּב" דאס מיינט ווייל עס שטייט פריערט (ה' כ"ג) וַיְבֻקַּשׁ הַדָּבָר וַיִּמָּצֵא וַיִּתָּלוּ שְׁנֵיהֶם עַל עֵץ, האט שִׁמְשִׁי מחליט געווען ער וועט אויסמעקן די ווארט "וַיִּמָּצֵא" און זאל נאר שטיין וַיְבֻקַּשׁ הַדָּבָר וַיִּתָּלוּ שְׁנֵיהֶם עַל עֵץ ממילא וועט אויסקומען אז מען האט געזוכט צו געפינען אויב בגתן ותרש האבן דאס געטאן, אבער מען האט עס נישט געטראפן, ממילא קומט נישט מרדכי שכר פארדעם, דעריבער האט גבריאל צוריק געשריבן די ווארט "וַיִּמָּצֵא" ממילא קומט מרדכי שכר, יעצט איז הפלא וואס שטייט אין די מגילה "וַיִּמָּצֵא" אז די ווארט, "כָּתוּב" האט גבריאל כסדר צוריק געשריבן, ודו"ק והפלא הוא. (שמח זבולון תשפ"ג מיוסד ע"י ספר אמרי רש"ד ר' שמעון דובער אנאליק זצ"ל אב"ד שעדליץ)

**פאר וועמען האט המן אנגעגרייט דעם בוים?**

לֵאמֹר לַמֶּלֶךְ לִתְלוֹת אֶת מָרְדֳּכַי עַל הָעֵץ אֲשֶׁר הֵכִין לוֹ. (ו ד) שטייט אין מדרש (אסתר רבה י, ב) אֲשֶׁר הֵכִין "לוֹ" לעצמו. ער האט דאס אנגעגרייט פאר זיך אליין, אלע פרעגן פון וואו איז די ראיה אז דאס מיינט פאר המן, אפשר מיינט דאס כפשוטו פאר מרדכי? נאר עס ווערט געברענגט אין אסאך ספרים [חשבה לטובה-אלכסנדר, ריח דודאים-דינוב, און תכלת מרדכי ברעזאן] אז די לשון הכנה איז נאר שייך פאר א דבר מצוה, און אויב עס וואלט געווען פאר מרדכי איז דאס א עבירה, אבער פאר המן איז דאס א מצוה דעריבער שטייט אֲשֶׁר הֵכִין. אין יערות דבש-אייבישיץ, שטייט אֲשֶׁר הֵכִין "לוֹ" מיינט פאר אחשורוש, און דאס איז אויך א מצוה. (מלוקט ע"י המו"ל)

**א שיינע פשט אין נפול תפול לפניו**

וַיֹּאמְרוּ לוֹ חֲכָמָיו וְזֶרֶשׁ אִשְׁתּוֹ אִם מִזֶּרַע הַיְּהוּדִים מָרְדֳּכַי אֲשֶׁר הַחִלּוֹתָ לִנְפֹּל לְפָנָיו לֹא תוּכַל לוֹ כִּי נָפוֹל תִּפּוֹל לְפָנָיו: עוֹדָם מְדַבְּרִים עִמּוֹ וְסָרִיסֵי הַמֶּלֶךְ הִגִּיעוּ וַיַּבְהִלוּ לְהָבִיא אֶת הָמָן אֶל־הַמִּשְׁתֶּה אֲשֶׁר עָשְׂתָה אֶסְתֵּר: (ו יג-יד) אין על הנסים שטייט "וְקִלְקַלְתָּ אֶת מַחֲשַׁבְתּוֹ" דארף מען פארשטיין וואס פאר א מחשבה האט מען געשטערט? אויך איז שווער וואס מיינט כִּי נָפוֹל תִּפּוֹל לְפָנָיו ווען עס שטייט שוין לֹא תוּכַל לוֹ? אויך איז שווער וואס איז די שייכות וואס שטייט נאך כִּי נָפוֹל תִּפּוֹל לְפָנָיו: אז וַיַּבְהִלוּ לְהָבִיא אֶת הָמָן, צו וואס איז דאס נוגע צו אונז? נאר פשט איז אז די חכמים און זרש אשתו האבן געזאגט פאר המן, אז היות מרדכי איז א צדיק און אויב דו וועסט פאלן צו זיינע פיס וועט ער דיר מוחל זיין און וועסט בלייבן ביים לעבן, און ער האט געטראכט אז זיי זענען גערעכט און האט דאס געוואלט טאן. דעריבער שטייט כִּי נָפוֹל תִּפּוֹל לְפָנָיו, אז דו זאלסט פאלן צו זיינע פיס! אבער "וְקִלְקַלְתָּ אֶת מַחֲשַׁבְתּוֹ", דער אויבערשטער האט געשטערט זיין מחשבה, און עוֹדָם מְדַבְּרִים עִמּוֹ, און זיי האבן אים געגעבן דעם עצה, איז וְסָרִיסֵי הַמֶּלֶךְ הִגִּיעוּ וַיַּבְהִלוּ לְהָבִיא אֶת הָמָן אֶל הַמִּשְׁתֶּה אֲשֶׁר עָשְׂתָה אֶסְתֵּר: איז ער שוין געווען פארנומען מיט סעודת אסתר, איז די פלאן דורך געפאלן, איז אלעס פארענטפערט. (שיח השדה הגאון ר' אליעזר חיים דייטש אב"ד באניאהד) לפי"ז קומט אויס אז דער גרויסער בעל גאוה הָמָן, האט זיך שוין געבראכן און איז געווען גרייט זיך מכניע זיין פאר מרדכי, איז ער געווען א מעביר על מדותיו, קען טאקע זיין אז דאס איז געווען זיין שכר אז זיינע אייניקלאך האבן געלערנט תורה: (סנהדרין דף צ"ו ע"ב) "מבני בניו של המן למדו תורה בבני ברק". (שמח זבולון תשפ"ב) לפי"ז קען מען צולייגן אז דאס איז א לימוד לדורות אז ווען א ישועה דארף קומען פאר כלל ישראל איז דאס בבחינת וַיַּבְהִלוּ, דער אויבערשטער טרייבט שנעל און פלוצלונג, אזוי איז אויך געווען ביי יציאת מצרים: כִּי "בְחִפָּזוֹן יָצָאתָ מֵאֶרֶץ מִצְרַיִם. (שמח זבולון תשפ"ד)

**ווי האט אחשורוש פארגעסן וואס ער האט געזאגט צו המן?**

וַיֹּאמֶר הַמֶּלֶךְ אֲחַשְׁוֵרוֹשׁ וַיֹּאמֶר לְאֶסְתֵּר הַמַּלְכָּה מִי הוּא זֶה וְאֵי זֶה הוּא אֲשֶׁר מְלָאוֹ לִבּוֹ לַעֲשׂוֹת כֵּן: (ז ה) א פלא אז אֲחַשְׁוֵרוֹשׁ האט פארגעסן אז ער האט געזאגט צו הָמָן: הַכֶּסֶף נָתוּן לָךְ וְהָעָם לַעֲשׂוֹת בּוֹ כַּטּוֹב בְּעֵינֶיךָ (ג יא)? נאר מען קען זאגן אז עס שטייט אֵין אֶסְתֵּר מַגֶּדֶת מוֹלַדְתָּהּ וְאֶת עַמָּהּ, באמת האט אֲחַשְׁוֵרוֹשׁ נישט געוואוסט פון וועלכע פאלק איז אסתר געווען, אבער זיכער נישט א איד, דעריבער ווען אסתר האט געזאגט כִּי נִמְכַּרְנוּ אֲנִי וְעַמִּי לְהַשְׁמִיד לַהֲרוֹג וּלְאַבֵּד, האט אֲחַשְׁוֵרוֹשׁ געפרעגט: מִי הוּא זֶה וְאֵי זֶה הוּא? ווייל ער האט נאר מסכים געווען אויף די אידן, אבער נישט אויף קיין אנדערע פאלק! און נאכדעם שטייט וּמָרְדֳּכַי בָּא לִפְנֵי הַמֶּלֶךְ

כִּי־הִגִּידָה אֶסְתֵּר מַה הוּא־לָהּ: האט ער יעצט געוואוסט אז אסתר איז א איד. (ספר מחשבות משה, הר"ר משה באכנער נכד הגה"ק ר' שלמה זצ"ל אב"ד דק"ק קרשאנוב– קראקא תרפ"ה)

**פארוואס האט אחשורוש געגעבן מרדכי אויף בית המן?**

וַיִּתְלוּ אֶת הָמָן עַל הָעֵץ אֲשֶׁר הֵכִין לְמָרְדֳּכָי וַחֲמַת הַמֶּלֶךְ שָׁכָכָה: בַּיּוֹם הַהוּא נָתַן הַמֶּלֶךְ אֲחַשְׁוֵרוֹשׁ לְאֶסְתֵּר הַמַּלְכָּה אֶת בֵּית הָמָן צֹרֵר הַיְּהוּדִים וגו' וַתֹּאמֶר אִם עַל הַמֶּלֶךְ טוֹב וגו' יִכָּתֵב לְהָשִׁיב אֶת הַסְּפָרִים מַחֲשֶׁבֶת הָמָן בֶּן הַמְּדָתָא הָאֲגָגִי אֲשֶׁר כָּתַב לְאַבֵּד אֶת הַיְּהוּדִים אֲשֶׁר בְּכָל מְדִינוֹת הַמֶּלֶךְ: וַיֹּאמֶר הַמֶּלֶךְ אֲחַשְׁוֵרֹשׁ לְאֶסְתֵּר הַמַּלְכָּה וּלְמָרְדֳּכַי הַיְּהוּדִי הִנֵּה בֵית הָמָן נָתַתִּי לְאֶסְתֵּר וְאֹתוֹ תָּלוּ עַל הָעֵץ עַל אֲשֶׁר שָׁלַח יָדוֹ בַּיְּהוּדִים וְאַתֶּם כִּתְבוּ עַל־הַיְּהוּדִים כַּטּוֹב בְּעֵינֵיכֶם בְּשֵׁם הַמֶּלֶךְ וגו': (מגילת אסתר פרק ז ח) עס איז א פלא אז נאכדעם וואס מען האט געהאנגען המן וואלט דאך געדארפט בטל ווערן די גזירה? אויך איז שווער פארוואס האט אחשורוש געדארפט געבן בֵּית הָמָן צו מָרְדֳּכָי, וואס איז די תועלת פון דעם? און פארוואס דוקא מָרְדֳּכַי און נישט א צווייטן? נאר מיר ווייסן פון אלע דורות וואס עס האט זיך אויפגעשטעלט א מנהיג וואס האט געוואלט מאכן צרות פאר אידן, אפילו דער מנהיג איז געשטארבן האט ער נאך געהאט א באהאלטענער פלאן מיט זיינע מענטשן דורכפירן ווייטער די גזירות, און המן איז נישט געווען אנדערש, ער האט פארשטאנען אז מען קען אים הרגענען, אבער ער האט געהאט א פלאן אז די גזירה זאל ווייטער אנגיין, נאר מען האט דאס געדארפט געפינען און פארשטיין דעם פלאן און אזוי וועט די גזירה קענען בטל ווערן, דעריבער האט מען געדארפט אזא איינע ווי מרדכי וואס איז געווען פון די סנהדרין וואס איז געווען א חכם און אויך געקענט אלע שפראכן און אויך צו פארשטייען רמזים, און ווען מען האט אים געגעבן בית המן, האט ער גלייך געכאפט דער באהאלטערנער פלאן, און געארבעט דאס אויך צו מבטל זיין, דאס האט אחשורוש געזאגט הִנֵּה בֵית הָמָן נָתַתִּי לְאֶסְתֵּר וְאֹתוֹ תָּלוּ עַל הָעֵץ, מען האט אויפגעטאן יעצט צוויי זאכן יעצט ממילא קען מען שוין מבטל מאכן די גזירה, דעריבער יעצט כִּתְבוּ עַל הַיְּהוּדִים כַּטּוֹב בְּעֵינֵיכֶם בְּשֵׁם הַמֶּלֶךְ, און די באהאלטענע פלאן איז שוין אויך בטל, ממילא וועט שוין זיין גוט פאר כלל ישראל. (שמח זבולון תשפ"ד)

**דער ענין פון ביום ההוא**

בַּיּוֹם הַהוּא נָתַן הַמֶּלֶךְ אֲחַשְׁוֵרוֹשׁ לְאֶסְתֵּר הַמַּלְכָּה אֶת בֵּית הָמָן צֹרֵר הַיְּהוּדִיים [הַיְּהוּדִים] וּמָרְדֳּכַי בָּא לִפְנֵי הַמֶּלֶךְ כִּי הִגִּידָה אֶסְתֵּר מַה הוּא לָהּ: (ח א) עס זענען דא עטליכע דיוקים אין פסוק: פארוואס שטייט בַּיּוֹם הַהוּא? אויך פארוואס האט אחשורוש געגעבן צו אסתר בֵּית הָמָן איז נישט געווען גענוג אז מען האט געהארגעט המן? אויך איז א פלא וואס מען דערמאנט אין דעם פסוק וּמָרְדֳּכַי בָּא לִפְנֵי הַמֶּלֶךְ? נאר המן האט געשריבן לְהַשְׁמִיד לַהֲרֹג וּלְאַבֵּד אֶת כָּל הַיְּהוּדִים מִנַּעַר וְעַד זָקֵן טַף וְנָשִׁים בְּיוֹם אֶחָד בִּשְׁלוֹשָׁה עָשָׂר לְחֹדֶשׁ שְׁנֵים עָשָׂר הוּא חֹדֶשׁ אֲדָר וּשְׁלָלָם לָבוֹז: (ג יג) קומט די מגילה צו ווייזן אז המן האט באקומען מדה כנגד מדה: ער האט געוואלט אז לְהַשְׁמִיד לַהֲרֹג וּלְאַבֵּד בְּיוֹם אֶחָד, אלעס אין איין טאג, און וּשְׁלָלָם לָבוֹז אוועק נעמען זייער רכוש, דעריבער האט מען אלעס געטאן צו המן אז "בַּיּוֹם הַהוּא" אלעס אין איין טאג און אויך אֶת בֵּית הָמָן אנקעגן וּשְׁלָלָם לָבוֹז, אז מען האט פארניכטעט זיין גאנצע רכוש, און נאך א גזירה וואס המן האט געמאכט אֲשֶׁר לֹא יִקָּרֵא אַחַת דָּתוֹ לְהָמִית אז מען מעג נישט אריינקומען צום קעניג אן רשות, איז יעצט געווארן אז וּמָרְדֳּכַי בָּא לִפְנֵי הַמֶּלֶךְ, ער איז אריין אן רשות ווייל עס איז בטל געווארן די גזורות. (שמן המור הדיין ר' אהרן אביוב תלמיד מהרשד"ם שאלוניקי שס"א)

**פארוואס האט מען נישט צוריסן די כתב המלך?**

וְאַתֶּם כִּתְבוּ עַל הַיְּהוּדִים כַּטּוֹב בְּעֵינֵיכֶם בְּשֵׁם הַמֶּלֶךְ וְחִתְמוּ בְּטַבַּעַת הַמֶּלֶךְ כִּי כְתָב אֲשֶׁר נִכְתָּב בְּשֵׁם הַמֶּלֶךְ וְנַחְתּוֹם בְּטַבַּעַת הַמֶּלֶךְ אֵין לְהָשִׁיב: (ח ח) דארף מען פארשטיין וואס איז די אריכות פון פסוק ווען עס וואלט נאר געדארפט שטיין וְאַתֶּם כִּתְבוּ עַל הַיְּהוּדִים כַּטּוֹב בְּעֵינֵיכֶם? נאר מען קען דאס פארענטפערן מיט נאך א קשיא, פארוואס האט מען נישט צוריסן די כתב פון מלך, און אזוי וואלט שוין אויך בטל געווארן די גזירה? נאר דער תירוץ איז אז עס איז א בזיון אויב מען קערט זיך צוריק פון א זאך וואס דער מלך האט געשריבן און גע'חתמעט, איז נאר געווען די עצה צו האלטן דער כתב פון קעניג, אבער שרייבן צו דעם אז די אידן זענען א גוטע פאלק און לייגן נאך א חתימה, ממילא וועט מען ליינען דעם כתב או דאס וועט מבטל מאכן וואס המן האט געשריבן אויף זיי שלעכטס, דאס מיינט די אריכות אז מען זאל שרייבן גוטס, און פארוואס זאל מען נישט צוריק קערן די ערשטע כתב? נאר כִּי כְתָב אֲשֶׁר נִכְתָּב בְּשֵׁם הַמֶּלֶךְ וְנַחְתּוֹם בְּטַבַּעַת הַמֶּלֶךְ אֵין לְהָשִׁיב ווייל דאס איז א בזיון פארן קעניג. (באר שמואל אונסדארף)

**וועלכע רייד פון אסתר האט געברענגט נס פורים?**

וּמַאֲמַר אֶסְתֵּר קִיַּם דִּבְרֵי הַפֻּרִים הָאֵלֶּה וְנִכְתָּב בַּסֵּפֶר: (ח לב) לכאורה שטייט נישט פון וועלכע ווערטער פון אסתר איז געווען די נס פון פורים! נאר עס שטייט וּמָרְדֳּכַי בָּא לִפְנֵי הַמֶּלֶךְ כִּי הִגִּידָה אֶסְתֵּר מַה הוּא לָהּ: (ח א) ווייל ביז דעמאלט האט אחשורוש געמיינט אז אסתר איז פון א פשוטער משפחה אבער נאכדעם וואס זי האט געזאגט אז זי איז א משפחה פון מרדכי וואס ער שטאמט פון שאול המלך, און זי איז שאמט פון א קעניגליכער משפחה איז אחשורוש שוין געווען צופרידן פון אסתר און אחשורוש האט אויך מקרב געווען מרדכי צום מלכות און אזוי האט געקענט זיין די

גאולה, קומט אויס אז וּמַאֲמַר אֶסְתֵּר מיינט אז זי איז פון א משפחה פון מלכים קִיַּם דִּבְרֵי הַפֻּרִים הָאֵלֶּה דאס האט געברענגט די נס פורים. (איתן האזרחי הגאון רב אברהם רפפארט)

**אנהאלטן די שמחה און הארות אויף ווייטער**

לַיְּהוּדִים הָיְתָה אוֹרָה וְשִׂמְחָה וְשָׂשֹׂן וִיקָר: (ח טז) לכאורה איז שווער דער לשון וִיקָר? נאר די ווארט ויקר מיינט טייער – לשון יקרה היא מפנינים–, און די כוונה איז אז די שמחה וששון זאל זיין זייער טייער און אויך דאס האלטן טייער אין אייערע אויגן און שטארק אכטונג געבן אויף די שמחה זיך צו האלטן ביי דיר אין די כלים עס זאל בלייבן אויף ווייטער. (חידושי הרי"ם). לפי"ז קען מען זאגן וואס איז דער ענין פון משנכנס אדר מרבין בשמחה, ]ארוואס דארף זיין מרבין, און נישט נאר משנכנס אדר צריכין להיות בשמחה? נאר עס שטייט אין (תהלים סח ד) וְצַדִּיקִים יִשְׂמְחוּ יַעַלְצוּ לִפְנֵי אֱלֹקִים וְיָשִׂישׂוּ בְשִׂמְחָה:, דארף מען פארשטיין אז יִשְׂמְחוּ מיינט פרייען און יַעַלְצוּ מיינט אויך פרייען, אויב אזוי וואס איז דער כפל הלשון? און ווייטער פארוואס שטייט וְיָשִׂישׂוּ בְשִׂמְחָה וואס דאס איז איבעריג? נאר מיר ווייסן אז א צדיק איז א משפיע, יעצט כדי דער צדיק זאל קענען משפיע זיין שמחה צו אנדערע דארף זיין שמחה זיין גאר שטארק אזוי ווי א גלאז וואס איז פול און מען גיסט צו, פליזט אריבער די משקה, אזוי אויך ווען דער צדיק איז שטארק בשמחה איז ער אויך משפיע שמחה פאר אנדערע, דאס מיינט וְיָשִׂישׂוּ בְשִׂמְחָה וואס דאס איז א שטארקע שמחה, ממילא ווענן זיי מאכן אנדערע אויך בשמחה, דעריבער ווייל פון שמחת אדר קען מען אנהאלטן דעם שמחה אויף א גאנץ יאהר, דארף די שמחה זיין גאר שטארק, דעריבער שטייט "מרבין" בשמחה. (שמח זבולון תשפ"ד)

**לערנען פארן דאווענען אין פורים איז א סגולה לקבלת התפילות**

וּבְבֹאָהּ לִפְנֵי הַמֶּלֶךְ אָמַר עִם הַסֵּפֶר יָשׁוּב מַחֲשַׁבְתּוֹ הָרָעָה (ט כה) שטייט פון הייליגן שר שלום מבעלזא זצוק"ל וּבְבֹאָהּ לִפְנֵי הַמֶּלֶךְ: אז מען קומט פארן מלך העולם און מען וויל גיין דאווענען, אָמַר עִם הַסֵּפֶר: אז מען וועט לערנען פארן דאווענען, דעמאלטס יָשׁוּב מַחֲשַׁבְתּוֹ הָרָעָה: ווערן אוועקגיין אלע שלעכטע מחשבות און מען ווערט קענען דאווענען ווי עס דארף צו זיין. און אזוי שטייט פון הייליגן ר' שלמה קארלינער זצוק"ל געברענגט אין בית אהרן סוף פסח אז מען לערנט בעיון פארן דאווענען ווערט דער שכל גלייך און דער דאווענען איז ווי עס דארף צו זיין. און אוודאי איז א גרויסער ענין צו לערנען פורים פארן דאווענען אזוי ווי עס שטייט אין ספר סגולת ישראל אז פורים איז א עת רצון צו ווערן נתקבל אלע תפילות בבני חיי ומזוני און אויף אלע ענינים, און עס שטייט כל הפושט יד נותנין לו, ממילא איז זייער חשוב דעם לערנען פארן דאווענען פורים כדי די תפילות זאלן זיין בעססער און שטארקער, און נתקבל ווערן לרצון אמן. (שמח זבולון תש"פ)

# דרושים לפורים ומגילת אסתר

**פארוואס האט מען נישט מקבל געווען פורים פאר א יו"ט?**

עַל־כֵּן הַיְּהוּדִים הַפְּרָזִים הַיֹּשְׁבִים בְּעָרֵי הַפְּרָזוֹת עֹשִׂים אֵת יוֹם אַרְבָּעָה עָשָׂר לְחֹדֶשׁ אֲדָר שִׂמְחָה וּמִשְׁתֶּה וְיוֹם טוֹב: (ט יט) לַעֲשׂוֹת אוֹתָם יְמֵי מִשְׁתֶּה וְשִׂמְחָה: (ט כב) שטייט אין גמ' (מגילה דף ה ע"ב) אז מרדכי ואסתר האבן מתקן געווען אז פורים זאל זיין שִׂמְחָה וּמִשְׁתֶּה וְיוֹם טוֹב אויך א יו"ט אבער די אידן האבן נאר מקבל געווען מִשְׁתֶּה וְשִׂמְחָה און נישט וְיוֹם טוֹב, איז די שאלה פארוואס האבן די אידן נישט מקבל געווען אויף א יו"ט אזוי ווי מרדכי ואסתר האבן דאס מתקן געווען? נאר די אידן האבן געמיינט לשם שמים וועגן צוויי סיבות, איינס איז ווייל די הלכה איז אז מילה וואס איז שלא שבזמנה איז נישט דוחה יו"ט און אפילו יו"ט שני, און אויך אויב פורים וואלט געווען א יו"ט וואלט מען נישט געקענט מאכן א מילה אין פורים, און אויך אין יו"ט איז מען פטור פון תפילין, און ווייל פורים איז א ענין פון מחיית עמלק דארף מען די אות פון מילה און די אות פון תפילין אין פורים וואס איז מחיית עמלק אויסמעקן עמלק, און אויך ווען מען גייט תפילין שטייט ויראו ממך אלו תפילין של ראש, סיי מען האט מורא פון דיר און סיי דער מענטש באקומט יראת שמים און ביי עמלק שטייט ולא ירא אלקים, דארף מען האבן תפילין און האבן יראה און אויך די אות תפילין און אות מילה, דעריבער האט מען נישט מתקן געווען פורים אויף א יו"ט. (שו"ת עמודי אור הגאון ר' יחיאל העלער)

**דער קשר פון נח און אסתר**

שטייט אֵלֶּה תּוֹלְדֹת נֹחַ נֹחַ אִישׁ צַדִּיק תָּמִים הָיָה בְּדֹרֹתָיו אֶת הָאֱלֹקִים הִתְהַלֶּךְ נֹחַ, און פאר דעם שטייט וְנֹחַ מָצָא חֵן בְּעֵינֵי ה', שטייט אין מפרשים צוויי מאל נח, ווייל נֹחַ למקום נֹחַ לבריות, נח האט געהאט חֵן אין די אויגן פון אויבערשטן און אויך חֵן ביי די מענטשן, און מיר האבן אמאל געטייטשט ווייל ער איז געגאנגען מיטן גאנצן אמת האט ער געהאט חֵן אזוי ווי הרה"ק ר' פינחס מקאריץ זיע"א איז מסביר פארוואס אלעס וואס א קינד טוט איז מיט חֵן ווייל ער טוט דאס מיטן אמת, און דאס מיינט אִישׁ צַדִּיק תָּמִים, געגאנגען מיטן אמת, דעריבער אֶת הָאֱלֹקִים הִתְהַלֶּךְ נֹחַ, איז דער אויבערשטער געגאנגען מיט אים און אים געהיט, אזוי ווי עס שטייט (תהלים קכא) ה' יִשְׁמָר צֵאתְךָ וּבוֹאֶךָ מֵעַתָּה וְעַד עוֹלָם, און (שם צא) כִּי אַתָּה ה' מַחְסִי, און דאס טרעפט מען ביי אסתר, וואס עס שטייט אין מדרש אז אסתר איז דעמאלט געווען אלט ע"ה שנה כמספר הדס"ה מיטן כולל, און עס שטייט זי איז געווען גרין, און פונדעסטוועגן האט זי

געהאט צוויי גרויסע מעלות, זי האט געהאט חֵן אזוי ווי עס שטייט וַתְּהִי אֶסְתֵּר נֹשֵׂאת "חֵן" בְּעֵינֵי כָּל רֹאֶיהָ: ממילא איז זי געווען נחת למקום און נחת לבריות, און דאס שטייט בְּעֵינֵי כָּל רֹאֶיהָ, און זי האט געהאט נאך א מדריגה פון חֶסֶד אזוי ווי עס שטייט וַתִּיטַב הַנַּעֲרָה בְעֵינָיו וַתִּשָּׂא "חֶסֶד" לְפָנָיו, און דאס איז געווען די שמירה פון אויבערשטן צו אוועק נעמען דעם שכל פון אחשוורוש, און דאס שטייט (פסוק יז) וַיֶּאֱהַב הַמֶּלֶךְ אֶת אֶסְתֵּר מִכָּל הַנָּשִׁים וַתִּשָּׂא "חֵן וָחֶסֶד" לְפָנָיו מִכָּל הַבְּתוּלוֹת. זי האט געהאט "חֵן און חֶסֶד", ממילא איז זי געווען א תָּמִים און באקומען א שמירה פון אויבערשטן, און עס שטייט אויך אין (אבות ג י) כָּל שֶׁרוּחַ הַבְּרִיּוֹת נוֹחָה הֵימֶנּוּ, רוּחַ הַמָּקוֹם נוֹחָה הֵימֶנּוּ זאגן די מפרשים אז פשט איז באמת ווי עס שטייט אין פסוק (משלי ג׳, ד׳) וּמְצָא חֵן וְשֵׂכֶל טוֹב בְּעֵינֵי אֱלֹקִים וְאָדָם " פריערט דארף מען טרעפן חן ביים אויבערשטן, און דערנאך טרעפט מען שוין חן ביי מענטשן, און אזוי ווי מיר האבן געזאגט אז דער אויבערשטער וועט שוין אלעס צושטעלן לטוב. (שמח זבולון תשפ״ב)

דרוש מקשר זיין די קולות פון מתן תורה מיט פורים

**פארוואס האט מען געדארפט זען די קולות**

וְכָל הָעָם רֹאִים אֶת הַקּוֹלֹת: (כ טו) דארף מען פארשטיין פארוואס האט געדארפט זיין אזא גרויסע נס פון קענען זען די קולות, וואס איז שלעכט מיט נאר הערן די קולות? נאר די עשרת הדברות איז דאך די יסוד פון אלעס און ווייל אלע נשמות פון כלל ישראל זענען דארטן געווען און מען האט געזאגט לֹא תִשְׁתַּחֲוֶה לָהֶם וְלֹא "תָעָבְדֵם" (שם טו) וואס וְלֹא תָעָבְדֵם, מיינט מען טאר נישט דינען עו״ז, אבער עס קען זיך אויך הערן וְלֹא תָאָבְדֵם, נישט צו פארניכטן די עו״ז, און חלילה מענטשן וועלן זאגן אז עס איז נישט אסור צו דינען עו״ז! און כדי עס זאל נישט ארויסקומען א שטרויכלונג, דעריבער האבן אלע געזען די קולות, און געזען קלאר אז מען האט געזאגט די ווערטער וְלֹא "תָעָבְדֵם", און נישט וְלֹא "תָאָבְדֵם", מען זעט אויך אזא ענין אין מגילת אסתר: עס שטייט אִם עַל־הַמֶּלֶךְ טוֹב יִכָּתֵב לְאַבְּדָם (ג ט) זאגט דער אלשיך הקדוש: ווען הָמָן האט געוואלט אפקויפן די אידן האט ער געזאגט אִם עַל הַמֶּלֶךְ טוֹב יִכָּתֵב "לְעַבְדָם", אֲחַשְׁוֵרוֹשׁ זאלן זיי פארקויפן פאר קנעכט, האט אֲחַשְׁוֵרוֹשׁ מסכים געווען צו דעם, אבער ווען הָמָן האט געשריבן דער שטר האט ער דאס געפעלשט און געשריבן לְאַבְּדָם אנשטאט לְעַבְדָם, וועגן דעם האט אסתר געזאגט, וְאִלּוּ "לַעֲבָדִים" וְלִשְׁפָחוֹת נִמְכַּרְנוּ הֶחֱרַשְׁתִּי,(ז ד) אויף לְעַבְדָם, וואלט איך מסכים געווען, וועגן דעם האט אֲחַשְׁוֵרוֹשׁ געזאגט מִי הוּא זֶה וְאֵי זֶה הוּא אֲשֶׁר מְלָאוֹ לִבּוֹ לַעֲשׂוֹת כֵּן, צו מזייף זיין דעם איגרת המלך! און דעריבער האט הָמָן באקומען הארבע שטראף. (תפוחי חיים –שמח זבולון תשע״ז)

**פארוואס רופט די מגילה אן צדקה- מתנות?**

מַתָּנוֹת לָאֶבְיֹנִים: איך האב געהערט שנת תרס״ז ביים סעודת פורים א שיינע רמז פון מיין הייליגער רבי הגאון ר׳ מנחם אייזנשטאט זצ״ל אויף כְּטוֹב לֵב הַמֶּלֶךְ – מַאן מַלְכֵי רַבָּנָן– בַּיַּיִן – יֵינוֹ של תּוֹרָה– פארוואס הייסט דאס "מַתָּנוֹת"? נאר עס שטייט צדקה תציל ממות, און דער ווארט מתנות שטייט "מת" אבער אינמיטן איז מפסיק "תְּנוּ", איז דער רמז, אויב תְּנוּ, מען וועט געבן צדקה אין פורים, וועט דאס אפהאקן די ווארט "מֵת" און מען וועט זוכה זיין צו אריכת ימים, זאל דער אויבערשטער אונז געבן אריכות ימים בטוב ובנעימים. (שיח השדה הגאון ר׳ אליעזר חיים דייטש אב״ד באניאהד)

**דרוש- דער קשר פון נח און אסתר**

שטייט אֵלֶּה תּוֹלְדֹת נֹחַ נֹחַ אִישׁ צַדִּיק תָּמִים הָיָה בְּדֹרֹתָיו אֶת הָאֱלֹקִים הִתְהַלֶּךְ נֹחַ, און פאר דעם שטייט וְנֹחַ מָצָא חֵן בְּעֵינֵי ה׳, שטייט אין מפרשים צוויי מאל נח, ווייל נֹחַ למקום נֹחַ לבריות, נח האט געהאט חֵן אין די אויגן פון אויבערשטן און אויך חֵן ביי די מענטשן, און מיר האבן אמאל געטייטשט ווייל ער איז געגאנגען מיטן גאנצן אמת האט ער געהאט חֵן אזוי ווי הרה״ק ר׳ פינחס מקאריץ זיע״א איז מסביר פארוואס אלעס וואס א קינד טוט איז מיט חֵן ווייל ער טוט דאס מיטן אמת, און דאס מיינט אִישׁ צַדִּיק תָּמִים, געגאנגען מיטן אמת, דעריבער אֶת הָאֱלֹקִים הִתְהַלֶּךְ נֹחַ, איז דער אויבערשטער געגאנגען מיט אים און אים געהיט, אזוי ווי עס שטייט (תהלים קכא) ה׳ יִשְׁמָר צֵאתְךָ וּבוֹאֶךָ מֵעַתָּה וְעַד עוֹלָם, און (שם צא) כִּי אַתָּה ה׳ מַחְסִי, און דאס טרעפט מען ביי אסתר, וואס עס שטייט אין מדרש אז אסתר איז דעמאלט געווען אלט ע״ה שנה כמספר הדס״ה מיטן כולל, און עס שטייט זי איז געווען גרין, און פונדעסטוועגן האט זי געהאט צוויי גרויסע מעלות, זי האט געהאט חֵן אזוי ווי עס שטייט וַתְּהִי אֶסְתֵּר נֹשֵׂאת "חֵן" בְּעֵינֵי כָּל רֹאֶיהָ: ממילא איז זי געווען נחת למקום און נחת לבריות, און דאס שטייט בְּעֵינֵי כָּל רֹאֶיהָ, און זי האט געהאט נאך א מדריגה פון חֶסֶד אזוי ווי עס שטייט וַתִּיטַב הַנַּעֲרָה בְעֵינָיו וַתִּשָּׂא "חֶסֶד" לְפָנָיו, און דאס איז געווען די שמירה פון אויבערשטן צו אוועק נעמען דעם שכל פון אחשוורוש, און דאס שטייט (פסוק יז) וַיֶּאֱהַב הַמֶּלֶךְ אֶת אֶסְתֵּר מִכָּל הַנָּשִׁים וַתִּשָּׂא "חֵן וָחֶסֶד" לְפָנָיו מִכָּל הַבְּתוּלוֹת. זי האט געהאט "חֵן און חֶסֶד", ממילא איז זי געווען א תָּמִים און באקומען א שמירה פון אויבערשטן, און עס שטייט אויך אין (אבות ג י) כָּל שֶׁרוּחַ הַבְּרִיּוֹת נוֹחָה הֵימֶנּוּ, רוּחַ הַמָּקוֹם נוֹחָה הֵימֶנּוּ זאגן די מפרשים אז פשט איז באמת ווי עס שטייט אין פסוק (משלי ג׳, ד׳) וּמְצָא חֵן וְשֵׂכֶל טוֹב בְּעֵינֵי אֱלֹקִים וְאָדָם " פריערט דארף מען טרעפן חן ביים אויבערשטן, און דערנאך טרעפט מען שוין חן ביי מענטשן,

און אזוי ווי מיר האבן געזאגט אז דער איבערשטער וועט שוין אלעס צושטעלן לטוב. (שמח זבולון תשפ״ב)

**דרוש אויף סעודת פורים און דער מקור פון טרינקען לחיים**

שטייט אין גמ׳ (שבת דף ס״ז ע״ב) חַמְרָא וְחַיֵּי, וויין און זאגן לחיים אויף די וויין, לְפוּם פאר די רַבָּנַן איז נישט אסור מִשּׁוּם דַּרְכֵי הָאֱמוֹרִי, דאס מיינט אז מען מעג זאגן לחיים אויף וויין –אגב ברענגען די פריערדיגע אז דא איז די מקור צו טרינקען לחיים, און אז עס איז א גוטע ברכה– שטייט ווייטער מַעֲשֶׂה בְּרַבִּי עֲקִיבָא שֶׁעָשָׂה מִשְׁתֶּה לִבְנוֹ וְעַל כָּל כּוֹס וָכוֹס שֶׁהֵבִיא אָמַר חַמְרָא וְחַיֵּי -וויין און לחיים, לְפוּם רַבָּנַן, פאר די רבנן, און חַיֵּי וְחַמְרָא, לחיים און וויין, לְפוּם רַבָּנַן וּלְפוּם תַּלְמִידֵיהוֹן, פאר די רבנן און זייער תלמידים, שטעלט זיך די קשיא פארוואס האט רַבִּי עֲקִיבָא דאס געדארפט איבער׳חזרן? מוז מען זאגן אז ער האט געזאגט צוויי ענינים אויב אזוי פארוואס דער ערשטע מאל האט ער געזאגט חַמְרָא וְחַיֵּי, און די צווייטע מאל האט ער געזאגט פארקערט חַיֵּי וְחַמְרָא? נאר עס איז דא די באוואוסטע גמ׳ (מגילה ז ע״ב) רַבָּה וְרַבִּי זֵירָא האבן געמאכט סְעוּדַּת פורים צוזאמען זענען זיי געווארן שיכור און רַבָּה האט געשחטן רַבִּי זֵירָא, לְמָחָר האט ער געבעטן רחמים און האט מחיה מתים געווען רַבִּי זֵירָא, די אנדערע יאר האבן זיי נישט געמאכט א סעודה צוזאמען ווייל נישט יעדן יאר קען מען מאכן א נס, קען מען זאגן אז רַבִּי עֲקִיבָא האט געמיינט דעם גמ׳ חַמְרָא וְחַיֵּי, ביי די רבנן איז דא די כח פון מחיה מתים זיין דעריבער איז געווען פריערט חַמְרָא, טרינקען וויין, און נאכדעם אפילו זיי זענען געווארן שטארק שיכור אזוי ווי ביי רַבָּה וְרַבִּי זֵירָא, וְחַיֵּי, האבן זיי מחי׳ מתים געווען, אבער דאס איז נאר לְפוּם רַבָּנַן, אבער ווייל די תלמידים און נישט אלע רבנן קענען מחי׳ מתים זיין, דעריבער קען מען נישט פארלאזן אויף א נס און דעריבער איז חַיֵּי וְחַמְרָא, מען דארף אכטונג געבן אויפן לעבן און נאכדעם טרינקען, און דאס איז לְפוּם רַבָּנַן וּלְפוּם תַּלְמִידֵיהוֹן, די וואס זענען נישט אויף די מדריגה פון קענען מחי׳ מתים זיין. (תקנתא דמשה ר׳ שמריה בן משה ברלינר תקכ״ו)

**שיינע דרוש וועגן די מצוות היום אין פורים**

כַּיָּמִים אֲשֶׁר נָחוּ בָהֶם הַיְּהוּדִים וגו׳ וּמֵאֵבֶל לְיוֹם טוֹב לַעֲשׂוֹת אוֹתָם יְמֵי מִשְׁתֶּה וְשִׂמְחָה וּמִשְׁלוֹחַ מָנוֹת אִישׁ לְרֵעֵהוּ וּמַתָּנוֹת לָאֶבְיֹנִים:(ט כב) לכאורה איז שווער פארוואס דארף שטיין לַעֲשׂוֹת אוֹתָם ווען עס וואלט געקענט נאר שטיין וּמֵאֵבֶל לְיוֹם טוֹב וִימֵי מִשְׁתֶּה וְשִׂמְחָה וגו׳? נאר עס איז דא די באוואוסטע מחלוקת צווישן רבי יונתן און רבי יאשי׳ (יומא נז ב״מ צ״ד סנהדרין סו. שבועות כ״ז חולין ע״ח מנחות צ.) ביי מקלל אביו ואמו מות יומת שטייט אביו ואמו האלט רבי יאשי׳ אז אביו ואמו מיינט לחלק אדער אביו אדער אמו, און נישט אז מען איז עובר נאר אויב אביו ואמו קלל צוזאמען, און רבי יונתן האלט אז וי״ו איז להוסיף און מען דארף א עקסטרע לימוד אז אביו או אמו עיי״ש. קומט דער ריטב״א (אין שיטה מקובצת ב״מ דף צ״ד בשם דער רא״ה) און זאגט אז די מחלוקת ר׳ יאשי׳ און ר׳ יונתן איז נאר ביי לאווין, אבער ביי עשה האלטן אלע אז וי״ו איז להוסיף, ממילא ביי אונזער פסוק יְמֵי מִשְׁתֶּה וְשִׂמְחָה וּמִשְׁלוֹחַ מָנוֹת אִישׁ לְרֵעֵהוּ וּמַתָּנוֹת לָאֶבְיֹנִים אויב איך זאג אז וי״ו איז לחלק וועט אויס קומען אז מען קען מקיים זיין מצוות היום מיט מִשְׁתֶּה, מיט שִׂמְחָה, מיט מִשְׁלוֹחַ מָנוֹת אדער מַתָּנוֹת לָאֶבְיֹנִים, דעריבער שטייט לַעֲשׂוֹת אוֹתָם אז עס איז א מצות עשה וואס דארטן איז כו״ע מודה אז וי״ו איז להוסיף, ממילא איז מען מחוייב מיט מִשְׁתֶּה וְשִׂמְחָה וּמִשְׁלוֹחַ מָנוֹת און מַתָּנוֹת לָאֶבְיֹנִים. (חומת אנך להחיד״א)

**דרוש למגילת אסתר**

**משתה ושמחה אדער שמחה ומשתה?**

וְעָשֹׂה אֹתוֹ יוֹם מִשְׁתֶּה וְשִׂמְחָה. יח וְהַיְּהוּדִים אֲשֶׁר בְּשׁוּשָׁן נִקְהֲלוּ בִּשְׁלוֹשָׁה עָשָׂר בּוֹ וגו׳ וְעָשֹׂה אֹתוֹ יוֹם מִשְׁתֶּה וְשִׂמְחָה יט עַל כֵּן הַיְּהוּדִים הַפְּרָזִים הַיֹּשְׁבִים בְּעָרֵי הַפְּרָזוֹת עֹשִׂים אֵת יוֹם אַרְבָּעָה עָשָׂר לְחֹדֶשׁ אֲדָר שִׂמְחָה וּמִשְׁתֶּה וְיוֹם טוֹב וּמִשְׁלֹחַ מָנוֹת אִישׁ לְרֵעֵהוּ. כא לְקַיֵּם עֲלֵיהֶם לִהְיוֹת עֹשִׂים אֵת יוֹם אַרְבָּעָה עָשָׂר לְחֹדֶשׁ אֲדָר וְאֵת יוֹם חֲמִשָּׁה עָשָׂר בּוֹ בְּכָל שָׁנָה וְשָׁנָה. וגו׳ לַעֲשׂוֹת אוֹתָם יְמֵי מִשְׁתֶּה וְשִׂמְחָה וּמִשְׁלֹחַ מָנוֹת אִישׁ לְרֵעֵהוּ וּמַתָּנוֹת לָאֶבְיֹנִים. (ט יז–כא) אינטרעסאנטע דיוקים זענען דא אין די פסוקים: פסוק יז שטייט וְעָשֹׂה אֹתוֹ יוֹם מִשְׁתֶּה וְשִׂמְחָה. שטייט פריערט מִשְׁתֶּה און נאכדעם שִׂמְחָה, אין פסוק יח שטייט אויך אזוי וְעָשֹׂה אֹתוֹ יוֹם מִשְׁתֶּה וְשִׂמְחָה, אבער אין פסוק יט שטייט שִׂמְחָה וּמִשְׁתֶּה וְיוֹם טוֹב וּמִשְׁלֹחַ מָנוֹת אִישׁ לְרֵעֵהוּ, פריערט שִׂמְחָה און נאכדעם מִשְׁתֶּה? נאך א דיוק, דא לייגט מען צו עס איז א יוֹם טוֹב וואס אין די אנדערע פסוקים דערמאנט מען נישט עס איז א יוֹם טוֹב? נאך א דיוק אז עס שטייט דא אויך וּמִשְׁלֹחַ מָנוֹת אִישׁ לְרֵעֵהוּ און נישט וּמַתָּנוֹת לָאֶבְיֹנִים, און אין פסוק כא שטייט לַעֲשׂוֹת אוֹתָם יְמֵי מִשְׁתֶּה וְשִׂמְחָה, "וּמִשְׁלֹחַ מָנוֹת אִישׁ לְרֵעֵהוּ וּמַתָּנוֹת לָאֶבְיֹנִים" סיי מִשְׁלֹחַ מָנוֹת און סיי מַתָּנוֹת לָאֶבְיֹנִים? אויך איז שווער אז אין פסוק כא שטייט מִשְׁתֶּה וְשִׂמְחָה פריערט מִשְׁתֶּה און נאכדעם שִׂמְחָה? לגבי יו״ט איז פשוט לויט וואס עס שטייט אין גמ׳ (מגילה דף ה ע״ב) אז מרדכי האט באמת געוואלט עס זאל זיין א יו״ט אבער מען האט דאס נישט מקבל געווען, און פורים איז מותר בעשיית מלאכה און אזוי שטייט אין רמב״ם (פ״ב מגילה הי״ג) מצות יום י״ד לבני כפרים ועיירות ויום ט״ו לבני כרכים להיותן יום שמחה ומשתה ומשלוח מנות לריעים ומתנות לאביונים. ומותר בעשיית מלאכה. ממילא ביי יו״ט קען נאר זיין וּמִשְׁלֹחַ מָנוֹת אִישׁ לְרֵעֵהוּ, אבער מַתָּנוֹת לָאֶבְיֹנִים קען מען נישט ווייל דאס איז געלט פאר די ענִיים. אבער ווען מען האט נישט מקבל געווען פורים פאר א יו״ט, שטייט "וּמִשְׁלֹחַ מָנוֹת אִישׁ לְרֵעֵהוּ

וּמַתָּנוֹת לָאֶבְיֹנִים". און ווי עס שטייט די עניים האבן שוין געוואַרט אויפן פורים צו באקומען געלט. לויט דעם שטייט אין ספרים אז דעריבער שטייט אין פסוק יט שִׂמְחָה וּמִשְׁתֶּה וְיוֹם טוֹב ווייל אויב עס איז א יו"ט איז די שמחה מטעם יו"ט, זיך פרייען מיטן יו"ט, און נישט מטעם מִשְׁתֶּה, דעריבער שטייט פריערט שִׂמְחָה און נאכדעם מִשְׁתֶּה ביי יו"ט, וואס די שתיה וועט נישט זיין דער עיקר, אבער חז"ל האבן געוואלט אז דער עיקר פורים זאל זיין א שמחה פון טרינקען, חייב איניש לבסומי בפוריא עד דלא ידע, איז דאס א שמחה פון שתיה און נישט א שמחה פון יו"ט, דעריבער שטייט פריערט מִשְׁתֶּה און נאכדעם שִׂמְחָה, אז דער מִשְׁתֶּה איז דער עיקר שִׂמְחָה אין פורים. ודו"ק. (שמח זבולון תשפ"א)

**ביאור ברמב"ם הלכות מגילה**

די הייליגע רמב"ם שרייבט אין הלכות ספר תורה (פ"ז ה"ו) וז"ל נזדמנה לו בתוך השיטה תיבה בת עשר אותיות או פחות או יתר ולא נשאר מן השיטה כדי לכתוב את כולה בתוך הדף אם יכול לכתוב חציה בתוך הדף וחציה חוץ לדף כותב ואם לאו מניח המקום פנוי ומתחיל מתחלת השיטה, דאס איז דער דין אז א ווארט אין תנ"ך וואס האט 9 אדער 10 אדער 11 אותיות, מעג דער סופר ארויסגיין פון די שיטה, שורה, האט געפרעגט די טאכטער פון הייליגן ב"ח – וואס איז געווען די ווייב פון הייליגן ט"ז – צו איר טאטן, וואו טרעפט מען א ווארט פון 9 אדער 10 אדער 11 אותיות אין תנ"ך. האט דער ב"ח איר געענטפערט אז 10 אותיות, איז אין פרשת וארא, וּבְמִשְׁאֲרוֹתֶיךָ (שמות ח' א'), 9 אותיות איז לְמִשְׁפְּחֹתֵיהֶם (בראשית ח יט), 11 אותיות איז אין די מגילה, וְהָאֲחַשְׁדַּרְפְּנִים. נאך האט ער צוגעלייגט אז די גרעסטע פסוק אין תנ"ך איז אין מגילת אסתר (ח' ט') וַיִּקָּרְאוּ סֹפְרֵי הַמֶּלֶךְ בָּעֵת הַהִיא בַּחֹדֶשׁ הַשְּׁלִישִׁי הוּא חֹדֶשׁ סִיוָן בִּשְׁלוֹשָׁה וְעֶשְׂרִים בּוֹ וַיִּכָּתֵב כְּכָל אֲשֶׁר צִוָּה מָרְדֳּכַי אֶל הַיְּהוּדִים וְאֶל הָאֲחַשְׁדַּרְפְּנִים וְהַפַּחוֹת וְשָׂרֵי הַמְּדִינוֹת אֲשֶׁר מֵהֹדּוּ וְעַד כּוּשׁ שֶׁבַע וְעֶשְׂרִים וּמֵאָה מְדִינָה מְדִינָה וּמְדִינָה כִּכְתָבָהּ וְעַם וָעָם כִּלְשֹׁנוֹ וְאֶל הַיְּהוּדִים כִּכְתָבָם וְכִלְשׁוֹנָם: וואס דאס האלט 42 אותיות. (אוצר אפרים –שטיין מטבע שטבעו חכמים)

**מחיית עמלק**

מִלְחָמָה לַה' בַּעֲמָלֵק מִדֹּר דֹּר: (י"ז ט"ז) וואס מיינט מלחמה להוי'? נאר פורים האט 4 מצוות: מקרא מגילה, משלוח מנות, מתנות לאביונים, ומשתה ושמחה, און יעדע מצוה איז כנגד די ד' אותיות פון שם הוי'. און ווען מען איז מקיים די 4 מצות אין פורים ווי עס דארף צו זיין, איז דאס א מלחמה און מחיית עמלק. דאס מיינט מִלְחָמָה לַהוי', די מצוות פון די ד' אותיות פון פורים איז א מלחמה בעמלק מדור דור. (ר' צדוק הכהן) נאך א רמז אז דורך קריאת המגילה איז דא מחיית עמלק: ווייל אין מגילת אסתר איז דא קס"ו פסוקים און אין די צוויי פרשיות פון מחיית עמלק אין די תורה, איז דא 12 פסוקים, און קס"ו ווערטער, און כנגד דעם לייענט מען קס"ו פסוקים אין די מגילה. (מעשה רוקח)

**א ביאור אין ב' במסורה מגילת אסתר ופרשת טהרה**

וּבִמְלֹאת יְמֵי טָהֳרָהּ לְבֵן אוֹ לְבַת תָּבִיא כֶּבֶשׂ בֶּן שְׁנָתוֹ לְעֹלָה: (ויקרא יב ו) שטייט צוויי מאל בְּמְסֹרָה די ווארט וּבִמְלוֹאת: דא שטייט וּבִמְלֹאת חסר אן א ו', און אין (אסתר א ה) שטייט: "וּבִמְלוֹאת" הַיָּמִים הָאֵלֶּה עָשָׂה הַמֶּלֶךְ לְכָל הָעָם הַנִּמְצְאִים בְּשׁוּשַׁן הַבִּירָה לְמִגָּדוֹל וְעַד קָטָן מִשְׁתֶּה שִׁבְעַת יָמִים: מיט א ו', צו פארשטיין דעם חילוק! ווייל באמת וואלטן זיך די יְמֵי טָהֳרָהּ געדארפט אנפאנגען פון באנאכט, נאר מען קען נישט ברענגען א קרבן ביז אינדערפרי, ממילא פעלט פון די יְמֵי טָהֳרָהּ איין נאכט, דעריבער שטייט וּבִמְלֹאת חסר, אבער ביי די משתה פון אֲחַשְׁוֵרוֹשׁ איז געווען פולע זיבן טעג לַיְלָה וָיוֹם און אויך די אנדערע סעודה איז געווען פילע טעג, כדי צו מחטיא זיין די אידן וואס מער, און וועגן דעם איז גוט וואס אסתר האט געהייסן, וְצוּמוּ עָלַי וְאַל תֹּאכְלוּ וְאַל תִּשְׁתּוּ שְׁלֹשֶׁת יָמִים לַיְלָה וָיוֹם, (אסתר ד טז) פארוואס דארף מען פאסטן לַיְלָה וָיוֹם? נאר ווייל די סעודות זענען געווען לַיְלָה וָיוֹם, און וועגן דעם שטייט אין די גמ' (מגילה ד.) אז מען לייענט די מגילה לַיְלָה וָיוֹם. (אגרא דכלה הבני יששכר מדינוב)

**א אינטערעסאנטע ידיעה אין די מגילה**

עס שטייט אין מגילה: מרדכי 58 מאל -ח"ן, און אסתר שטייט 55 מאל–ה"ן, און המן שטייט 54 מאל -ד"ן, דעריבער האט אסתר מיט 55, מכניע געווען הָמָן 54. (שמח זבולון תש"פ)

**פילן די אורות און קדושת הפורים ווענדעט זיך אין די הכנה פון דעם שבת פאר פורים**

וַיַּעַשׂ הַמֶּלֶךְ כִּדְבַר מְמוּכָן: (א כא) שטייט אין הייליגן ספר בית אהרן וז"ל היינו כפי שעושים הכנה בזה העולם כן משפיע הקב"ה חיותו וטובו לזה העולם כמו שדברנו שהכל תלוי במעשה התחתונים שע"י התורה והמצות שעושים מביאים אורו של הקב"ה לזה העולם וכל מה שעושים יותר משיגים יותר ומעלים הכל להקב"ה וכו' עכ"ל. און דער בית אהרן ברענגט כסדר אז שבת פארן יו"ט איז משפיע אויפן יו"ט, ממילא פון דעם שבת, לויט די הכנה צו שבת און פורים, אזוי וועט מען שפירן דעם שמחת און קדושת הפורים. (המו"ל)

**דער אור הגנוז ליגט אויך אין מגילת אסתר**

דער אויבערשטער האט באהאלטן די אור הגנוז פאר די צדיקים אין די תורה וואס דורך דעם אור הגנוז קענען צדיקים זען וואס טוט זיך מסוף העולם עד סופו, און דער וואס היט זיינע אויגן איז ער זוכה צו עינים צופיות למרחוק,

און דאס קען זיין פשט הִנֵּה עֵין ה׳ אֶל יְרֵאָיו און עֵינֵי ה׳ אֶל צַדִּיקִים, דער ירא ה׳ איז זוכה צו די עֵין ה׳ וואס איז דער אור הגנוז, און עס שטייט אז אויך אין מגילת אסתר קען מען זעהן דער אור הגנוז און אלעס וואס וועט זיין: (המו״ל)

מנהג און הלכה – שהחיינו על קריאת חמש מגילות

**מאכן א ברכה אויף די חמש מגילות**

עס זענען דא די חמש מגילות: **אסתר**, **איכה**, **שיר השירים**, **רות** און **קהלת**. די מנהג אשכנז איז צו ליינען די מגילות פון א קלף חוץ פון איכה. יעצט אויף מגילת אסתר, איז דער מנהג לכו״ע צו מאכן דריי ברכות, על מקרא מגילה, שעשה ניסים און שהחיינו. און ביי קריאת המגילה בייטאג רופט מען אויס מען זאל אינזינען האבן דעם שהחיינו אויף די מצוות היום. ביי איכה מאכט מען נישט קיין שהחיינו לכו״ע, ווייל עס איז א צער. די מחלוקת הויבט זיך אן ביי שיר השירים, רות און קהלת, צו מען מאכט א שהחיינו ווען מען ליינט דאס בציבור! שטייט אין שו״ע (או״ח סי׳ תצ ס״ט) הגה״ה: **ונוהגין לומר שיר השירים בשבת של חול המועד, ואם שבת ביום טוב האחרון**, –אזוי ווי די יאר אין חו״ל– **אומרים אותו באותו שבת, וכן הדין בסוכות עם קהלת. ונוהגין לומר רות בשבועות** (אבודרהם). **והעם נהגו שלא לברך עליהם "על מקרא מגילה", ולא "על מקרא כתובים"**: שטייט קלאר אין רמ״א אז מאכט נישט א ברכה אויף די דריי מגילות. די ט״ז ס״ק ו׳ איז דַן אין דעם און ברענגט סברות לכאן ולכאן און עטליכע שיטות, און פירט אויס אז די דריי מגילות וואס מען ליינט איז נאר מצד המנהג, און ברענגט דער ב״י (סי׳ תקנ״ט) וז״ל **והעם לא נהגו לברך על שום מגילה חוץ ממגילת אסתר עכ״ל.** פירט אויס דער ט״ז: **ע״כ כל המברך על מגילות אלו היא ברכה לבטלה עכ״ל.** די מגן אברהם האלט אז מען מעג מאכן די ברכות אבער נאר אויב מען ליינט מתוך הקלף אזוי ווי ביי אסתר, אבער אויב מען ליינט פון א חומש אפילו פארן ציבור מאכט מען נישט א ברכה. (מעובד ע״י שמח זבולון)

## סיפורים לפורים

**אורה זו עורה**

לַיְּהוּדִים הָיְתָה אוֹרָה וְשִׂמְחָה וְשָׂשֹׂן וִיקָר: (ח טז) איינמאל אין א פורים זענען אריינגעקומען צו הרה״ק ר׳ מאיר׳ל מפרימישלאן זצוק״ל צוויי סוחרים און גענומען וויינען פארן צדיק אז היות זיי האנדלען מיט פֶּעל פון שֶׁעף און האבן אריינגעלייגט זייער פארמעגן און איינגעקויפט אסאך פֶּעל צו פארקויפן אין פרימישלאן און יעצט איז די פרייז פון פֶּעל שטארק געפאלן און חלילה שטייען זיי צו פארלירן זייערע גאנצע פארמעגן! דער צדיק הייסט פאר די גבאים צו ברענגען וויין פאר די אידן און אנגיסן אסאך וויין ביז זיי זענען געווארן זייער פריילאך און געטאנצט, און דער צדיק נעמט ארויס א מגילה און זאגט זיי אז זייער ישועה שטייט אין די מגילה: לַיְּהוּדִים הָיְתָה עוֹרָה, אידן האבן געהאט פֶּעל, און די פרייז איז שטארק געפאלן, איז די עצה, וְשִׂמְחָה וְשָׂשׂוֹן, מען זאל זיין שטארק בשמחה, און ווייל איר זענט יעצט בשמחה וועט זיין וִיקָר, אז די פרייז פון פעל וועט צוריק ווערן טייער. אויף צו מארגן איז די פרייז פון פעל געשטיגן. זיע״א

**פון טרינקען אין פורים איז געווען א רפואה**

דער הייליגער קארלינער ר׳ אברהם אלימלך זצוק״ל איז געווען אין ארץ ישראל די דריטע נסיעה אויף פורים שנת תרצ״ג. איינער פון די חסידים איז געקומען צום רבי׳ן מזכיר זיין אז זיין קינד איז נישט געזונט און ער מוז יעצט גיין מיטן קינד צום דאקטער, און ער וועט נישט קענען זיין ביים טאנצן און טרינקען מיט׳ן עולם, האט זיך דער רבי אנגערופן: וואס? פורים דארף מען א דאקטער? וועסט טרינקען משקה און דער קינד וועט זיין געזונט, דער חסיד נעמט זיך צו די אמונה און איז טאקע געבליבן טאנצן ביים רבי׳ן און געטאנצט מיטן עולם און געטרונקען משקה, און דער קינד איז געווארן געזונט. (געהערט פון ר׳ מענדל קירשענבוים ז״ל געהערט פון זיין טאטן הר׳ משה מאיר ז״ל)

**מיט שמחה האט מען געפטר׳ט סטַאלין**

עס איז געווען אין פורים תשי״ג ווען דער הייליגער רבי ר׳ יוחנן דער סטאלינער רבי זצוק״ל האט געארבעט מעשים צו ברענגען א ענדע צו דער שונא ורוצח ישראל דז׳אסעף סטַאלין פון רוסלאנד. [מען האט געזאגט דעמאלטס יום כיפור קטן אויך] מען האט געוואלט טאן פארשידענע פעולות, האט געזאגט "מיר האבן אנדערע מיטלען" דער רבי איז געווען שטארק בשמחה און האט אריינגעברענגט א אויסער געוויינטליכע שמחה ביים עולם. און ווען דער רבי ז״ל איז געווען אין א״י א יאר שפעטער איז אויך געווען א מורא׳דיגע שמחה ביי די עולם, האט זיך דער רבי ז״ל אנגערופן צו הרה״ח ר׳ יעקב ב״ר אשר סופר ע״ה מטבריא און געזאגט "מיט אזא שמחה האבן מיר דערפטר׳ט סטַאלין" און עס איז ידוע אז יענעם טאג האט סטַאלין באקומען א סטראק און אין 4 טעג שפעטער געשטארבן.

## דער הייליגער זיכלינער רבין היילט אויס א קראנקע חסיד מיט אים געבן טרינקען בראנפן

ר׳ חיים האט געוואוינט אין שטאט שרענץ פַּאֶדעמבִיץ, אין פוילין, און זיין שוואגער ר׳ ראובן איז לא עלינו געווארן קראנק אויף די לונגען און די דאקטוירים האבן מייעץ געווען ער זאל פארן אויפן ווינטער אין שטאט מֶעראָן וואס דארטן איז די לופט זייער גוט פאר די לונגען און אזוי ווען

זיינע לונגען זיך אויסהיילן, ר' חיים איז מחליט אז ער וועט מיטפארן מיט ר' ראובן, זיי זענען געווען דארטן ביז פאר פורים, אבער דער מצב האט זיך גאר פארערגערט, און ר' ראובן איז שוין געווען א מסוכן און דער דאקטער האבן געזאגט פאר ר' חיים אהיים נעמען ר' ראובן ווייל זיי קענען שוין נישט העלפן, זאל ער שטארבן אין זיין שטאט. ר' חיים זעהט טאקע אז ר' ראובן שפייט שוין ווייסע ליחות און דאס ווייזט נישט גוטס, ר' חיים האט נישט דערציילט פאר ר' ראובן זיין מצב, נאר געזאגט אז די דאקטוירים האבן געזאגט אז ער קען שוין אהיימפארן און זיי נעמען זיך פארן מיטן באן ווען ר' חיים דערמאנט זיך אז דער באן שטעלט זיך אפ אין זיכלין, און פורים איז א צייט וואס ביים זיכלינער רבין, הרה"ק ר' שמואל אבא זצוק"ל, איז דא ישועות שלא כדרך הטבע און ר' ראובן דארף אזא ישועה!

זיי זענען אנגעקומען קיין זיכלין, תענית אסתר, און ר' חיים איז געווען זייער צומישט צו ער האט ריכטיג געטאן! אבער מצד שני איז ער ביי א צדיק וואס קען מאכן א מופת, און מען דארף פועלן אז דער צדיק זאל אים און דער חולה אויפנעמען! ר' חיים האט גענומען ר' ראובן און די לעצטע כוחות צו געגאנגען צום הויז פון רבין אוןווארט ארייצוגיין, און ר' חיים בעט דער משב"ק ער זאל זיי ארייגלאזן צום רבין ווייל זיין שוואגער איז א חולה מסוכן און עס איז פיקוח נפש, האט דער משב"ק רחמנות געהאט און זיי ארייגעלאזט און זיי האבן געלייגט זייער קוויטל פארן רבין און דער רבי ליינט דאס מיט ערנסטקייט און רופט זיך אן **"נאר זאלסט מיר גאהר ניט צירודערין דעם פורים חס ושלום קום מיטן חולה צו מיר מארגען נאכן דאווענען"**.

די ווערטער האט געגעבן א שטארקע האפענונג בייביידן אז דער רבי האט זיי צוגעזאגט אז מארגן וועט ער זיי טרעפן, דערווייל איז פורים אנגעקומען און זיי זענען געגאנגען אין שול הערן די מגילה, אבער יענע נאכט איז דער מצב פון ר' ראובן געווארן ערגער ביז ממש עס איז געווארן די ערגסטע, און ר' חיים ווערט דערשראקן אז דא אין א ווייטע שטאט וועט נעבאך ר' ראובן מוזן צוריקגעבן זיין נשמה, אבער נאך אפאר מינוט האט זיך דער מצב פארבעסערט און ר' ראובן איז איינגעשלאפן, און ר' חיים אויך זיך געקענט אפרוהען.

ב"ה עס שוין אינדערפרי און זיי בײדע שטייען אויף גאר פרי מיט שמחה און האפענונג אז היינט פורים וועט זיין די גרויסער ישועה, און זיי גייען אין שול מיט פרייד און דאווענען און הערן די מגילה. דער סדר ביים הייליגע זיכלינער אין פורים איז געווען: אז נאכן דאווענען האט דער רבין ארויפגעלייגט זיין טלית ארום זיין קאפ און געזאגט מיט שמחה "ונהפוך הוא אשר ישלטו היהודים המה בשונאיהם". און נאכדעם אריין אין זיין צימער א שטיק צייט און געעפנט די טיר און האט ארויסגעשריגן "סלח נא לעוון העם הזה" וגו' און אלע האבן געענטפערט "סלחתי כדבריך".

נאכדעם האט ער געטיילט פאר יעדן א פלעשל ווייין און א שטיקל מזונות און געזאגט ער איז מקיים מיט דעם משלוח מנות, און דער וואס האט געדארפט א ישועה האט דער רבי אים צוגערופן -ער האט ארייגעלייגט א שטיקל מזונות אין די וויין- און געהייסן טרינקען און געוואונטשן און מען האט געהאט ישועות! דערווייל ווארטן ר' חיים און ר' ראובן אויף זייער צייט ביז דער רבי רופט זיי און דער רבי ווערט צוקאכט און צום וואונדער נעמט ער א גרויסע זילבענע טעלער און גיסט דאס אן מיט שטארקע בראנפן און נעמט א פאר שטיקלאך מזונות און מישט דאס אויס מיטן בראנפן ביז עס צוגייט, און דער רבי רופט צו ר' ראובן און זאגט עפן דיין מויל און ר' חיים כמעט וואס ער חלש'ט, אזא חולה מסוכן אויף די לונגען און טרינקען די בראנפן!

אבער ער דערמאנט זיך וואו ער איז, און הייסט ר' ראובן עפענען זיין מויל און דער רבי נעמט א לעפל און לייגט אריין די בראנפן אין די מויל פון ר' ראובן, און זאגט אחת, אחת ואחת, אחת ושתים, אחת ושלש, ביז אחת ושבע, און נאכאמאל איבערגעחזר'ט ביז דער רבי האט געענדיגט די גאנצע טעלער, פארשטייט זיך אז ר' ראובן איז שוין געווען טויט שיכור. דער רבי האט געהאט צוויי בעטן אין זיין צימער פאר אים און זיין הייליגן זון, וואס פלעגט דארטן שלאפן און זיי פלעגן אויפשטיין פארטאגס און לערנען צוזאמען, דער רבי הייסט ר' ראובן זאל זיך ארייגלייגן אין בעט און ווינטשט אים א גאנצע רפואה, ר' ראובן איז אריין אין א טיפע שלאף און איז געשלאפן ביז טיף אין די נאכט אריין און ווען ער איז אויפגעשטאנען האט דער רבי נאך געהאלטן אין מיטן זיין סעודת פורים, און ר' ראובן שטייט אויף און פילט זיך כאחד האדם! און דער רבי איז אים מכבד צו פראווען די סעודת פורים מיט אים. דער רבי האט זיך געפריידט מיט ר' חיים און ר' ראובן. זיי האבן געגעבן א שבח והודאה פארן אויבערשטן, און געדאנקט דעם רבין. נאך פורים איז ר' ראובן אהיים געפארן א געזונטער מענטש.

די זעלבע מעשה האט דערציילט החסיד ר' יוחנן ז"ל מוולאצלאוועק דער מחבר ספר קול יבשר וואס ביי אים איז אויך אזא זאך געשען: ער האט אויך געהאט עטליכע מחלות און איז געקומען אויף פורים קיין זיכלין און נאכן זיך מזכיר זיין ביים רבין האט דער צדיק זיך גענומען צו זיין הייליגע עבודה און געלייגט שטיקלאך מזונות און אויסגעמישט אין א גלאז פון שטארקע בראנפן און דער רבין האט אים דאס געגעבן צו טרינקען, דערציילט ר' יוחנן אפילו ער האט נישט געמעגט טרינקען בראנפן וואס בדרך הטבע וואלט דאס אים שטארק געשאט! אבער אין זיכלין האט מען געוואוסט: אויב דער רבין גיט שוין צו טרינקען, טרינקט מען. ר' יוחנן האט אויסגעטרונקען די גאנצע גלאז און ער איז געווארן אויסגעהיילט פון אלע זיינע מחלות. זיע"א

## די נשמה איז געקומען זוכן א תיקון נאך קריאת המגילה

אין די צווייטע נאכט פון פסח האט א יונגערמאן אפגעראכטן זיין סדר און דערציילט סיפורי יציאת מצרים פאר זיין משפחה און נאכדעם האט ער געזאגט שיר השירים מיט געלאסנקייט, עס איז שוין שפעט און נארמאל וואלט דער יונגערמאן שוין געווען שטארק מִיד און וואלט שוין איינגעשלאפן, אבער יענע נאכט האט ער זיך נישט געפילט מִיד און דעריבער איז ער זיך נישט געגאנגען לייגן, אבער וואס טוט מען יעצט? איז אים איינגעפאלן אז די סעודה פון אסתר המלכה איז דאך געווען דעם צווייטן טאג פסח, ממילא איז דאך יעצט די צייט וואס עס איז דא די הארות פון נס פורים, האט ער גענומען א מגילת אסתר און דאס אנגעהויבן ליינען מיט א זיסקייט און מיט א מורא'דיגן געשמאק און אינמיטן ליינען די מגילה שפירט ער שוין זייער מיד.

אבער ער שטארקט זיך ביז ער וועט ענדיגן די מגילה און זיך גיין לייגן, ווען ער זעהט א נשמה שטייט פאר אים און זאגט זי איז געקומען פון עולם העליון און זי דארף א תיקון! פרעגט אים דער יונגערמאן וואס פאר א שייכות האסטו מיט מיר אז דו קומסט פונקט יעצט? און בכלל וואס האסטו געזינדיגט אז דו דארפסט א תיקון? האט די נשמה געענטפערט אז

זי איז שוין דורך אלעם וואס מען האט אויף איר גוזר געווען אין בי"ד של מעלה, אבער עס זענען דא נשמות וואס פונדעסטוועגן לאזט מען זיי נישט אריין אין גן עדן נאר מיט א באזונדערן זכות. איז וואס טוהען אלע נשמות? זייווארטן אויף פורים וואס דעמאלטס איז דער טויער פון גן עדן אפען און די נשמות לאזט מען אריין.

יעצט עס זענען דא טויזנטער אזעלכע נשמות וואס ווארטן אריינצוגיין אין גן עדן, דעריבער שוין עטליכע חדשים פאר פורים שטייען זיי ביים טויער פון גן עדן און ווארטן אויף פורים ווען די טויערן ווערן אפען כדי צו אריינגיין, און ווייל עס זענען דא אסאך לאזט מען אריין די וואס זענען געווען ערשט. און די וואס זענען נישט אריין דעם יאר מוזן זיי ווארטן אויף די קומענדיגן יאר און ווארטן אויף זייער רייע. און דאס קען געדויערן יארן צו ווארטן. דעם יאר פורים האב איך געהאפט אז מיין צייט איז שוין געקומען אריינצוגיין אבער ווען מיין צייט איז אנגעקומען האט זיך פונקט פארמאכט דער טויער פון גן עדן און דער ממונה האט מיר בארוהיגט אז דעם קומענדיגן יאר וועל איך שוין קענען אריינגיין פורים אין גן עדן.

זאגט די נשמה אז די יסורין זענען גרוים פאר איר, האט זי מחליט געווען זי בלייבט ביים טויער ביז דעם קומענדיגן פורים, און זיין די ערשטע ווען דער טויער וועט זיך עפענען. און אזוי ווי איך האב געהערט דיין ליינען די מגילה היינט באנאכט, האב איך געקלאפט אויפן טויער אז מען זאל מיר אריינלאזן ווייל מען ליינט שוין די מגילה, ווען דער שומר האט געעפענט דעם טויער און געזאגט אז עס אמת אז מען האט געליינט די מגילה, אבער עס איז נאך נישט פורים. האב איך נישט געוואלט אנעמען די טענה פון דעם שומר און עס האט זיך געטומלט אין הימל ביז אונזער מחלוקת איז אנגעקומען צום בי"ד של מעלה. א מלאך האט אונז ביידע גערופן צום בי"ד, דער שומר האט געזאגט אז נאר פורים עפענט ער די טויערן, און איך האב אבער געזאגט אז אַזַא מגילה ליינען קען אריינלאזן א נשמה אפילו עס איז נאך נישט פורים!

דער בי"ד של מעלה האבן דַן געווען אין דעם ענין און האבן געזאגט אז דער שומר איז באמת גערעכט, ווייל עס איז פארט נישט פורים, אבער אויב איך וועל אראפגיין צו דער איד וואס האט געליינט די מגילה און ער וועט פסק'נען אז איך זאל אריינגיין אין גן עדן וועט מען מיר אריינלאזן! דאס האט די נשמה דערציילט פארן יונגערמאן, וואס האט רחמנות געהאט אויף די נשמה און געפסקענט אז זי זאל גיין אין גן עדן, און זי איז טאקע אריין. [יעצט פארשטייט מען פארוואס דער יונגערמאן האט נישט געקענט איינשלאפן כדי די צובראכענע נשמה זאל באקומען איר תיקון.] דער הייליגער חקל יצחק פון ספינקא פלעגט דערציילן די מעשה פסח באנאכט און די זקני חסידים האבן געזאגט אז דער יונגערמאן איז טאקע געווען זיין טאטע דער אמרי יוסף אליין.

## א ענדליכע מעשה אבער געווען מיט לערנען גמ' מגילה

אין ספר ליקוטים יקרים ברענגט ער די זעלבע סארט מעשה מיט א נשמה וואס איז געקומען צום הייליגן ר' נחום מטשערנאביל דער מאור עינים זיע"א. די נשמה איז געקומען אין א פשוטע נאכט וואס דער צדיק האט נישט געקענט איינשלאפן האט ער דערמאנט דער משנה אין אבות (פ"ג מ"ד) רַבִּי חֲנִינָא בֶּן חֲכִינַאי אוֹמֵר, הַנֵּעוֹר בַּלַּיְלָה וְהַמְהַלֵּךְ בַּדֶּרֶךְ יְחִידִי וְהַמְפַנֶּה לִבּוֹ לְבַטָּלָה, הֲרֵי זֶה מִתְחַיֵּב בְּנַפְשׁוֹ. אז מען איז אויף באנאכט און מען לערנט נישט איז ח"ו חייב... איז דער צדיק צוגעגאנגען צום ספרים שאפע און פונקט האט ער אנגעטראפן א גמ' מגילה און געלערנט געשמאק ווען ער זעהט א נשמה פון עולם העליון, וואס האט דערציילט אז ווען זי האט געהערט דעם צדיק לערנען מס' מגילה האט זי געמיינט אז עס איז פורים און דער צדיק האט איר געגעבן גערעכט אריינצוגיין אין גן עדן זיע"א.

*הוצא לאור ע"י "עולם הספרים" מרכז העולמי לספרים שאינם בנמצא ולספרים עתיקים וכתבי יד צו פארקויפן*

סעט משניות עצי עדן קאמארנא תרכ"ב בחיי המחבר $9000 גנזי יוסף תלמיד בעש"ט תקנ"ב $10000 ספר תולדות אהרן בארדיטשוב להרב אהרן מזיטאמיר $8000 דולר מכסף 1926 מידיו של הרבי מלובאוויטש $6000 ספר עם חתימת הרה"ק ר' אברהם דוד מבוטשוטש $12000 חומש ויקרא סלאוויטא עם חתימת הרה"ק ר' חיים מקאסוב בעל תורת חיים $55000 גמ' שלמד בו הרה"ק ר' איציקל מפשעווארסק $2000 תהלים שאמר בו הרה"ק ר' שלמה מבאבוב כל חודש אלול תשנ"ח $15000 טלית קטן של הבית ישראל מגור $18000 דפו"ר קדושת לוי מהדורא תנינא תקס"ו חסר השער ו6 דפים $4500 קאפל פון היילגן דברי יואל מסאטמאר זצוק"ל $25000 ספר מעבר יבוק זיטאמיר $2000 ספר עם חתימת הרה"ק ר' צדוק הכהן $48000 רזיאל המלאך שייך להגאון ר' משה סופר אב"ד טיסע פעריד ור' שלמה הכהן שטראססער ור' משה זיכערמאן $1000 מכתב האמרי אמת מגור מבקש מש"ב לעזור לחתן אחיו ומברכו בעשירות $3500 מכתב הרה"ק ר' מנחם מנדל מפביאניץ הי"ד $1500 מכתב המנחת אלעזר עם ראשי הקהל לחתונת בתו עם ברכתו $8000, דולר שבירך האדמו"ר מטאש לחתן הבאבא סאלי $2000 מכתב ארוך שנת תש"ז מאגודת ישראל ארה"ב מבקשים עזרה מאגודת ישראל לונדון עזרה חותמים אדמו"ר מבלאזוב, ר' אלי מאיר בלאך, ר' שמעון שוואב, אלימלך טרעס ור' הענדעלס $3800 מכתב הרה"ק ר' יחזקאל מאוסטראוצא $1800 סידור כוונת הרש"ש של אדמו"ר מהוסיאטין $18000 סידור של האדמו"ר מטאש זצ"ל עם הזכרות $15000 ספר עם הגהות השפת אמת מגור עם האמרי אמת והרה"ק ר' משה בצלאל $60000 ספר שייך להתפארת עוזיאל תלמיד המגיד ממעזריטש וגם השפת אמת מגור $35000 שו"ע יו"ד ח"ב וחו"מ ח"א סלאוויטא $3000 כל אחד, ספר אמרי יהודה מהגה"ק מסעקלעהיד עם ב' חתימות מהגאון ר' יחיאל מיכל הכהן פריעד בעל תורת יפה בנו של הגאון רב נתנאל בעל פני מבין $2500 מהר"ם שיק עם חתימת וחותמת הגאון ר' אליעזר צוקער מבערגסאז עם ב' הגהות ממנו $3000 ספר מטה משה ב' חתימות מהגאון ר' יחיאל מיכל הכהן פריעד בעל תורת יפה עם הגה $2500 מכתב הגאון ר' יונתן שטייף תש"א מבקש מר' יעקב רוזנהיים להצילו $1800 ספר עם חתימת הגאון בעל חמדת שלמה והרה"ק ר' יעקב אדמו"ר מיעזוב בן הרה"ק מטשעכנאוו $3500 דברי יהושע מאניסטריטש ב' חלקים בארדיטשוב $1500 ספר ערבי נחל שייך להרה"ק ר' אהרן פערלאוו מקיידינוב $7000 ייטב לב דפו"ר עם כל השערים $1500 סעט שפתי צדיק פיליץ נדיר $1500 ג' חתימות על דף של האמרי אמת מגור $1500 ספר אמרי אלימלך דפו"ר גראדזיסק שייך להרה"ק ר' משה מסטאלין $3000 מיר האבן א רשימה פון אונזערע ספרים 4403 - 16 Ave Brooklyn, NY 11204 USA ~ 718 - 438 - 8414 ~ 718 - 633 - 5500 Hours are 12 -7:30 Fri 11-1:30, To receive the pardes: pardesyehuda1@gmail.com or pickup in the store from Wednesday. check out our website *www.seforimworld.com*

מיר פארקויפן עכטע זילבערנע מטבעות פאר פדיון הבן און פדיון נפש און מחצית השקל אויך אלטע געלט

א פרייליכן פורים מיט ישועות פאר כלל ישראל